NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08511

DER YIDISHER POYPS

Yudel Mark

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יודל מארק

דער ייִדישער פּויפּס

פֿאַרלאַג קינדער־רינג ביים בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג
175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק, נ. י.

קינדער-רינג ביבליאָטעק

דער יִדישער פּויפּס

פון יודל מאַרק

אַ געוועב פון לעגענדע, געשיכטע און פאַנטאַזיע

סעריע: היסטאָרישע געשטאַלטן

צייכענונגען פון י. ליכטנשטיין

Copyright, 1947

EDUCATIONAL DEPARTMENT
OF THE
WORKMEN'S CIRCLE
New York, N. Y.
Printed in U. S. A.
400

ערשטער טייל

א. די זינדיקע קריסטין

עס איז שוין באַלד פּסח, אָבער דער ווינטער לאָזט ניט אָפּ. עס איז נאָך קאַלט און די אָרעמע טערעזע שטייט אײַנגעוויקלט אין אַ טוך. זי ציטערט. זי איז אויפגעשטאַנען גאָר פרי. זי האָט געוואָלט זײַן איינע פון די ערשטע בײַ דעם גלח. זי דאַרף אים אויסדערציילן אירע זינד, ווײַל זי איז אַ פרומע קאַטויילישע פרוי. נאָר ווען זי איז געקומען האָט זי שוין געפונען אַ סך אַנדערע פרויען, אויך אַזעלכע אָרעמע ווי זי.

זי האָט זיך אָנגעשפאַרט אָן דער קאַלטער וואַנט און אירע ליפן האָבן עפּעס וואָס געזאָגט און געזאָגט, ביז זי איז צוגעקומען צו דעם שמאָלן פענצטערל. הינטער אָט דעם פענצטערל איז געזעסן דער גלח. און טערעזע רעדט אין דעם פענצטערל אַרײַן אַז זי האָט אָפּט שלעכטע געדאַנקען וועגן איר מאַן. ער שיכּורט און ער שלאָגט זי און זי מוז האָרעווען. ווען ניט די ייִדן, וואָלט זי שוין לאַנג געשטאָרבן פון הונגער. איין גליק נאָך וואָס די ייִדן האָבן אַ שבת און זיי טאָרן ניט אַליין הייצן די אויוונס...

— „ביסט גאָר געקומען לויבן די פאַרשאָלטענע ייִדן?" — רײַסט זי איבער אַ בייזע שטים פון הינטערן פענצטערל — „דו פאַרזינדיקסט דײַן נשמה!"

— „איך בין ניט געקומען לויבן די ייִדן, איך האָב נאָר דערציילט, אַז פון זיי קריג איך אַ ביסל געלט פאַרן הייצן די אויוונס. זיי גיבן מיר אויך חלה און אַנדערע זאַכן צום עסן, זיי גיבן אויך..."

— „מע טאָר ניט אַרבעטן פאַר ייִדן! דאָס איז די גרעסטע

זינד! די קירך וועט ניט פֿאַרגעבן אַזאַ שרעקלעכע זינד!" — האָט זיך צעשריִען די שטים הינטערן פֿענצטערל.

טערעזע האָט זיך צעוויינט. און די שטים האָט איצט רואיק און שטיל אַריינגערעדט איר אין אויער אַריין:

— „די קירך וועט ניט פֿאַרגעבן דיינע זינד, און דו וועסט בּרענען אין דעם אייבּיקן פֿײַער פֿון גיהנום, און די הענט דײַנע וועט מען רײַסן מיט אײַזערנע צוואַנגען".

טערעזע האָט זיך נאָך מער צעוויינט.

— „גיי, אַנדערע וואַרטן"! — האָט דער גלח ווידער געשריִען. אָבער טערעזע האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט. זי לעבּט אַזאַ שווער לעבּן און נאָך דעם וועט זי נאָך בּרענען אין פֿײַער פֿון גיהנום?! ווי קען זי אַוועקגיין אָן אומריינע, אַ זינדיקע?

— „גיי, קום צו מיר מאָרגן גאַר פֿרי, וועל איך ריידן מיט דיר", — האָט זי דער גלח אַ בּיסל בּאַרואיקט, — „גיי, אַנדערע וואַרטן".

ב. אַ נשמה פֿאַר אַ נשמה

א ציטערדיקע און מיט אויגן, פֿאַרשוואָלענע פֿון טרערן, איז טערעזע געשטאַנען פֿאַרן גלח דעם אַנדערן טאָג אין דער פֿרי. עס איז געווען שבת, דער בּעסטער טאָג פֿאַר איר. זי דאַרף בּאַלד גיין אין יידישע הײַזער הייצן די אויוונס, אָבער פֿריִער מוז זי אויסבּעטן בּײַ דער הייליקער קירך, מע זאָל איר פֿאַרגעבּן אירע זינד.

חוץ איר איז קיינער ניטאָ בּײַם גלח. און הײַנט איז ער גוט צו איר. ער שרײַט ניט און בּייזערט זיך ניט. ער לאָזט איר זיך אויסרעדן דאָס האַרץ און נאָך דעם זאָגט ער:

— „דו האָסט געאַרבּעט פֿאַר פֿאַרשאָלטענע יידן. דאָס איז

די גרעסטע זינד. אבער די קירך וועט זיין גוט צו דיר און וועט דיר פארגעבן די זינד. דו דארפסט אבער פאר דיין זינדיקער נשמה אריינברענגען אין קירך אן אנדער נשמה. ברענג פאר דער קירך א יידיש קינד און דיינע זינד וועלן פארגעבן ווערן!"

— „א יידיש קינד? און ווי קען איך ברענגען א יידיש קינד?" — איז טערעזע אזוי פארוואונדערט אז זי וויינט שוין ניט מער.

— „יא, א יידיש קינד, אריינצוברענגען עס אין קריסטלעכן גלויבן".

— „אבער ווי אזוי קען איך דאס?"

— „מען קען ווען מע מוז! ווילסטו די קירך זאל פארגעבן דיינע זינד? ברענג מיר א יידיש קינד! האב ניט קיין מורא, די קירך וועט דיך באשיצן. ברענג שוין היינט!"

טערעזע איז געפאלן צו דעם גלחם פיס. זי האט געוואלט נאך א סך ריידן און בעטן, דער גלח זאל בעסער אן אנדער שטראף ארויפלייגן אויף איר. אבער ווען זי האט ווידער אויפגעהויבן די אויגן, האט זי געזען אז זי איז אליין.

מיט וואקלדיקע פיס איז זי ארוים פון קירך.

ג. דער קליינער אלחנן

טערעזע גייט איבער דער יידישער גאס און זעט ווי יידן גייען אין שול. מע גייט זיך פאמעלעך, אנגעטאן אין די שבתדיקע קליידער. מע גייט מיט די פרויען און מיט די קינדער. אט גייט דער רב. ער איז א הויכער, א גלייכער מיט א לאנגער בארד. עס גייט לעבן אים, א ביסל אפגערוקט אין א זייט, זיין פרוי. זי איז אזא גוטע! זי גיט טערעזן

אַ מאָל אַן אַלט קלייד און שטענדיק גיט זי איר חלה און פיש. איצט שמייכלט זי איר צו.

פאַרוואָס איז זייער יינגל ניט מיט זיי? פליט דורך אַ געדאַנק ביי טערעזען אין קאָפּ. זי וועט עס באַלד וויסן. זי הייבט געוויינטלעך אָן איר אַרבעט פון דעם רבס שטוב.

דאָרטן געפינט זי די אַלטע דינסט און דעם רבס פינפיאָריק קינד.

— „גוט וואָס דו ביסט פרי געקומען”, — זאָגט צו איר די אַלטע גאָלדע — „דאָס קינד איז ניט געזונט, איז צוגעקילט און הוסט”.

און ווען עס צעפלאַקערט זיך דאָס האָלץ אין אויוון, זעצט זיך דער קליינער אלחנן אַוועק לעבן פייער און די אַלטע גאָלדע זיצט לעבן אים און זי דערציילט אים וויַטער די מעשׂה, וואָס זי האָט פריִער אָנגעהויבן:

„... איז געווען אַ גרויסע שׂרפה ביי אונדז אין מיינץ, עס האָט זיך אָנגעהויבן פון דער יידישער גאַס, אָבער דער ווינט האָט פאַרטראָגן די פונקען אויך אויף די קריסטלעכע גאַסן און כמעט די גאַנצע שטאָט האָט אָפּגעברענט. די שׂרפה איז געווען ביינאַכט. דער הימל און דער טייך זיינען געווען רויט. מען האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן. דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס איז פאַרברענט געוואָרן. האָבן די קריסטן געזאָגט אַז יידן האָבן עס אונטערגעצונדן. זיי האָבן אין ערגעץ קי'ן יידן ניט אַריינגעלאָזן. זיינען מיר אַלע אַוועק קיין שפּייער, האָבן אונדז די דאָרטיקע יידן זייער פיין אויפגענומען. דיין טאַטן האָבן זיי געוואָלט לאָזן ביי זיך און אים מאַכן פאַר זייער רב. אָבער ר' שמעון איז צוריקגעקומען אַהער, קיין מיינץ, ווי נאָר מען האָט אַ ביסל זיך אָפּגעבויט”.

— „איך ווייס די מעשׂה,” — זאָגט דער קליינער אלחנן — אָבער פאַרוואָס זאָגן די קריסטן אַז מיר האָבן אונטערגע-

צונדן? ייִדן האָבן דאָך מער געליטן פון דער שׂרפה ווי זיי!"

— „פאַרוואָס זיי זאָגן? פרעג זיי!" — ענטפערט גאָלדע און וואַרפט אַ בליק אויף טערעזען.

— „אָבער זיי קענען אונדז סײַ ווי ניט טאָן קיין שלעכטס. ווען גאָט נעמט זיך אָן פאַר אונדז!" — זאָגט שטאָלץ אַרויס אלחנן — „אָט ווען ר' עמרם... דערצייל מיר די מעשׂה מיט ר' עמרם!"

— „דו ווייסט שוין די מעשׂה מיט ר' עמרם!"

— „אָבער איך האָב ליב צו הערן ווי דו דערציילסט, דער־צייל!"

ד. די מעשׂה מיט ר' עמרם

„גוט," — זאָגט גאָלדע — „אָבער דו וועסט נאָך דעם נע־מען די קרײַטעכער קעגן הוסט... ווען ר' עמרם האָט דערפילט אַז ער האַלט בײַם שטאַרבן, האָט ער אָנגע־זאָגט די תּלמידים זײַנע אַז זיי זאָלן אים ניט מקבר זײַן אין קעלן, נאָר זיי זאָלן אים אַרײַנלייגן אין אַ שיפל, און דאָס שיפל וועט שוין אַליין שווימען איבערן טײַך רײַן און וועט שוין אַליין אָנקומען צו דעם אָרט וואו מען דאַרף אים מקבר זײַן.

„נאָכן טויט פון זייער רבין, האָבן די געטרײַע תּלמידים אַזוי געטאָן. זיי האָבן אים אַרײַנגעלייגט אין אַן אָרון און דעם אָרון אין אַ שיפל. און עס איז געשען אַ גרויסער נס. דאָס שיפל איז ניט געשוואומען מיטן שטראָם, נאָר האָט זיך אומגעדרייט אַליין און גענומען שווימען קעגן שטראָם. און דאָס שיפל איז אַזוי געשוואומען איבערן רײַן און געשוואומען, ביז עס איז אָנ־געקומען צו אונדזער שטאָט, צו דער אַלטער שטאָט מײַנץ, וואָס האָט שוין געהאַט אַזוי פיל גרויסע ייִדן.

„ווען דאָס שיפל איז אָנגעקומען צו דער גרויסער בריק

איבערן ריין, האט עס זיך אפגעשטעלט. די קריסטן האבן עס געוואלט מיט אייזנס צושלעפן צום ברעג. אבער דאס שיפל האט זיך געדרייט און זיך ניט געלאזט כאפן פון די קריסטן. האבן יידן געפרואווט עס כאפן, האט דאס שיפל זיך געלאזט ארויפ־ברענגען אויפן ברעג. יידן האבן אראפגענומען דעם ארון.

„אבער דא זיינען ווידער צוגעקומען די קריסטן און מיט בלאנקע שווערדן אין די הענט פארטריבן די יידן. די קריסטן האבן געוואלט עפענען דעם ארון, און האבן ניט געקאנט. האבן זיי געוואלט אויפהייבן דעם ארון, און האבן ניט געקאנט. צען, צוואנציק מאן האבן געוואלט אויפהייבן און האבן ניט געקאנט. אבער קיין יידן האבן זיי ניט צוגעלאזן. בייטאג און ביינאכט האבן זיי געהיט דעם ארון.

„וואס זאל מען טאן? מע דארף דאך מקבר זיין ר׳ עמרמען, ווארעם מענטשן וואס זיינען דערוויל געקומען פון קעלן האבן שוין דערציילט וועגן זיין טויט און וואס ער האט באפוילן די תלמידים זיינע. מאכט זיך אז הינטערן שטאט האט מען אויפגע־האנגען א גזלן. האבן יידן ביינאכט ארונטערגענומען דעם גזלן, און ווען די וועכטערס זיינען א ווילע איינגעשלאפן, איז מען אויף גיך צו צום ארון, ארויסגענומען ר׳ עמרמען און אריינגע־לייגט דעם טויטן גזלן. די זעלביקע נאכט האט מען ר׳ עמרמען מקבר געווען.

„אויף מארגן אין דער פרי האבן די קריסטן געפרואווט אויפהייבן דעם ארון, — און זע, ער איז גרינג געווארן! האבן זיי מיט גרויס פאראד באגראבן דעם גזלן און זייערע גלחים האבן זיי איינגערעדט אז זיי האבן א נייעם הייליקן.״

ה. א וועמערל קעגן הוסט

„ועסטו!״ — האט אויסגערופן דער קליינער אלחנן וואס איז די גאנצע צייט פון דערציילן די מעשה געזעסן מיט א פארכאפטן אטעם. ער האט זיך אבער שטארק צעהוסט.

גאָלדע האָט אים געגעבן ביטערע קרײַטעכער. דאָס קינד האָט עס גענומען, ער האָט דאָך צוגעזאָגט. אָבער אַ ווײַלע שפּע־טער האָט ער זיך ווידער צעהוסט.

דאָס האַלץ איז שוין געווען אויסגעברענט אין אויוון. טע־רעזע האָט שוין דעם אויוון פֿאַרמאַכט. זי האָט זיך אָבער ניט געאײַלט אַוועקצוגיין.

„אַזאַ טײַער קינד!" — זאָגט זי צו דער אַלטער ייִדישער דינסט — „און הוסט און הוסט. אַ שאָד!"

— „אָבער וואָס זאָל מען טאָן?" — טענהט גאָלדע — „ער איז וואָרעם אָנגעטאָן. ער איז שוין נעכטן אויך ניט געווען אין חדר און הײַנט איז ער ניט געגאַנגען אין שול אַרײַן, כאָטש עס איז שבת".

— „איך ווייס פֿון אַ וועסערל אַזאַ, וואָס ווען מען טרינקט עס אַ פּאָר מאָל, גייט דער ערגסטער הוסט אַוועק, אַזוי ווי מע וואָלט עס מיט אַ האַנט אַוועקגענומען".

— „וואו קען מען עס קריגן?"— פֿרעגט גאָלדע.

— „איך האָב עס! וויקל אים גוט אַרום דעם האַלדז, וועל איך אים צופֿירן צו זיך און אים געבן פֿון דעם וועסערל".

— „ברענג עס בעסער אַהער! עס טויג ניט פֿאַרן קינד אַרויסצוגיין אין גאַס".

— „דו קענסט ניט מײַן מאַן, דעם שיכּור. ער וועט מיך דערהרגענען אויף טויט. ווען ער וועט זען אַז איך טראָג אַוועק די פֿלאַש מיטן וועסערל. ווען איך וועל זײַן מיטן קינד בײַ זיך וועט ער לאָזן אים געבן אַ ביסל. ער ציטערט איבער דעם וועסערל ווי איבער דעם גרעסטן אוצר. דו ווייסט דאָך אַז איך וואוין ניט ווײַט פֿון אײַך. איך וועל באַלד זײַן מיטן קינד צוריק. וואָס האָסטו אַזוי מורא? ער איז ניט קיין קליינינקער, איך וועל אים ניט צוכאַפּן".

— „איך וועל זיך ניט לאָזן צוכאַפּן!" — רופֿט אויס אל־חנן וואָס האָט זיך צוגעהערט צו טערעזעס רייד.

גאָלדע האָט גוט אַרומגעוויקלט אלחנגען און טערעזע איז אַרום מיט אים. די אַלטע האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב, זי האָט אָנגעהויבן צו דאַוונען. זי ווערט אַלץ מער און מער אומרו־איק. וואו איז דאָס קינד? פאַרוואָס ברענגט אים ניט טערעזע צוריק? וואָס האָט זי דאָ געטאָן?

זי נעמט אַרויף אויף זיך אַ טוך און לויפט אַרויס אין גאַס. די גאַס איז ליידיק. זי לויפט אויף אַ זײַטיק געסל. אַט דאָ איז דאָס אָרעמע שטיבל וואו עס וואוינט טערעזע. דאָרטן איז קיינער ניטאָ.

וואו איז אלחנן? ווי אַן זיך, ווי אַ משוגענע לויפט די אַלטע דינסט אַרום. וואָס האָט זי דאָ אָפּגעטאָן? וואו איז דאָס קינד?

ז. דער פאַרשטערטער שבת.

פּאַמעלעך און רואיק גייט זיך אַהיים ר' שמעון. שבת דאַרף מען ניט שטעלן קײַן גרויסע טריט. לעבן אים, אַ ביסל אָפּגערוקט אין אַ זײַט, גייט די רביצין. זי איז אומרואיק און זי וואָלט שוין וועלן זײַן אין דער היים. אָבער עס איז דאָך שבת. דאַרף מען זיך ניט אײַלן.

ר' שמעון עפנט די טיר. די ליפּן זײַנען שוין גרייט צו זאָגן אַ פריילעכן „גוט שבת!" — אָבער וואו איז דאָס קינד? וואו איז גאָלדע? פאַרוואָס איז דער טיש ניט גרייט? פאַרוואָס איז עס נישט ווי אַלע מאָל?

— „וואו האָט גאָלדע אַוועקגעפירט דאָס קינד?" — רופט אויס די מוטער — „דאָס קינד הוסט דאָך אַזוי שטאַרק! דאָס האַרץ איז מיר טאַקע געווען ניט רואיק"...

— „זי וועט באַלד אַרײַנקומען מיט אלחננען" — טרייסט זי ר' שמעון, און ער אַליין ווערט אויך אומרואיק.

די רביצין גרייט צום טיש. עס שטייט שוין דער בעכער מיט ווײַן צו מאַכן קידוש. אָבער ר' שמעון וואַרט. ער האָט ליב צו הערן ווי זײַן יינגעלע ענטפערט אַזוי הויך און פריילעך

„אָמן" ווען ער מאַכט קידוש. אלחנן איז אַ טײַער קינד! אַלץ קען ער, אַלץ ווייס ער! אָט האָט ער אים די טעג געוויזן ווי אַזוי מע שפּילט שאַך — און ער האָט גלײַך געכאַפּט די שפּיל, ער שפּילט שוין ווי אַ גרויסער. אַזאַ פלינק קעפּל! אלחנן וועט זײַן אַ גרויסער רב בײַ ייִדן!

די טיר גיט זיך אָן עפן אויף און מיט אַ געוויין לויפט אַרײַן די אַלטע גאָלדע. זי כליפּעט און דערציילט ווי אַזוי טערעזע האָט אַרויסגעפירט דאָס קינד, ווי זי איז שוין געלאָפן איבער אַלע גאַסן און זיי געזוכט... קיינער ווייס ניט וואו זיי זײַנען, קיינער האָט ניט געזען. עס קומען אָן אַ סך ייִדן וואָס האָבן שוין זיך דערוואוסט וועגן דעם אומגליק. יאָ, טערעזע האָט ערגעץ וואו פאַרשלעפּט דאָס קינד. זי איז ניט געווען בײַ קיינעם צו הייצן די אויוונס.

— „אפשר וויל זי געלט? דער מאַן דער שיכור האָט עס איר געהייסן אַזוי טאָן כּדי צו קריגן געלט!" — אַזוי זאָגן אַנדערע און מע טרייסט דעם רב און די רביצין.

אַ פּאָר ייִנגערע ייִדן רופן זיך אָפּ אַז זיי וועלן היטן דאָס הײַזל וואו עס וואוינט דער שיכור. דער רב גייט אַוועק אין מאַגיסטראַט און דאָרטן זאָגט מען אים צו אַז מע וועט העלפן זוכן דאָס קינד. עס איז שבת. אָבער ראַטעווען אַ מענטשן איז העכער ווי שבת — זוכט מען דאָס קינד, זוכט מען טערעזען. ניטאָ!

געפונען האָט מען נאָר טערעזעס מאַן. אַ שיכורער האָט ער זיך געוואַלגערט אין אַ שענק. ווען מען האָט זיך צונויפגערעדט מיט אים, האָט ער צוגעזאָגט אַז ער וועט טערעזען אָנברעכן די ביינער. עס איז געווען קאָנטיק אַז ער ווייס ניט פון קיין שום זאַך.

עס איז שוין שפּעט אין אָוונט. אַ פאַרפּײַניקטע פון וויי־טאָג, ליגט די מוטער אין בעט און וויינט שטילערהייט. דער פאָ־טער זיצט בײַם טיש, דער קאָפּ איז אָנגעשפּאַרט אויף די הענט. ער דרעמלט אַ ווײַלע אײַן...

ז. די דרײַ שפּיגלען.

עפּעם פירט מען אים ווײַט, ווײַט. מע פירט אים אין א גרויסן זאל אריין. ער שרעקט זיך פאר עפּעס. ער זעט פאר זיך א הויכן טראָן. אויפן טראָן זיצט אלחנן. ער איז אײַנגעוויקלט אין א רויטן מאנטל. אלע בוקן זיך פאר אים. ער, דער פּאָטער, בוקט זיך אויך פאר אים. אלחנן זאָגט צו אים:

— „שרעק זיך ניט, פּאָטער מײַנער! איך בין דיר א געטרײַער זון און איך גיב דיר א טײַערע מתנה דערפאר וואָס דו ביסט געקומען צו מיר פון אזוי ווײַט. איך גיב דיר דרײַ וואונדערלעכע שפּיגלען. אין איין שפּיגל וועסטו קענען זען אלץ וואָס עס איז געווען אויף דער וועלט. אין איין שפּיגל וועסטו קענען זען אלץ וואָס עס קומט פאר אויף דער וועלט, אין איין שפּיגל וועסטו קענען זען אלץ וואָס עס וועט פאָרקומען אויף דער וועלט. נאָר היט זיך, ווײן ניט, פּאָטער! אברהם אָבינו האָט אויך ניט געוויינט, ווען ער האָט זײַן איינציקן זון געפירט צו דער עקדה. גרים די מוטער און זאָל זי אויך ניט וויינען!"

אלץ איז פארשוואונדן. דרײַ שפּיגלען ליגן אויפן טיש. ר' שמעון קוקט זיך אײַן אין ערשטן שפּיגל:

ער זעט אזוי פיל בילדער! אָבער ער ווייס עס אלץ. אָט זעט ער — א שלאַכט. א קיניג איז אין געפאר, די שונאים רינגלען אים ארום, זײַן פערד איז געפאלן. עס רײַסט זיך דורך א ייִד און גיט אָפּ דעם קיניג זײַן פערד — אָ, דאָס איז דאָך זײַן עלטער-זיידע קלונימוס וואָס האָט אין שלאַכט געראַטעוועט דעם קיניג אָטאָ און דערפאר האָט אים דער קיניג נאָך דעם באלוינט און אים געבראַכט פון איטאליע קײן מײַנץ.

אָט טרײַבט מען ייִדן פון מײַנץ. א באוואוסטער גלח האָט אָנגענומען דעם ייִדישן גלויבן — טרײַבט מען דערפאר ארויס די ייִדן. אָט זעט ער זיך!

ער גייט צו פּוס קיין שפּיַער, די ווײַב טראָגט אויף די הענט דאָס צווייוואָכיקע קינד זייערס... און אַט האָט איינער אין אַ שוואַרצן מאַנטל געגעבן אַ כאַפּ אַלחנגען, ער פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל, דער יִנגל קען נאָך דערשטיקט ווערן...

עס פאַלט אַ טרער פון זײַנע אויגן. צששש — פון שפּיגל איז געוואָרן אַש.

ר׳ שמעון גיט אַ קוק אין צווייטן שפּיגל. וואָס איז איצט? די אויגן זײַנען פאַרלאָפן מיט טרערן, זעט ער ניט קלאָר. עס איז אַ קליין קאַמערל, אין אַ ווינקל ליגט צונויפגעקנוילט אַ קינד. מען האָט דאָס קינד געשלאָגן — עס זײַנען נאָך פאַראַן צייכנס פון קלעפּ אויפן פּנים! דאָס קינד כליפּעט און רופט. ער הערט ניט — וואָס, נאָר דאָס קינד רופט! אפשר רופט ער — „טאַ־טע!" „ראַטעווע!" עס איז דאָך זײַן קינד, עס איז דאָך אַלחנן!

עס פאַלט ווידער אַ טרער פון זײַנע אויגן — פון דעם צווייטן שפּיגל ווערט אויך אַ בערגעלע אַש.

ער וועט מער ניט וויינען! ער מוז וויסן וואָס עס וועט זײַן מיט זײַן זון! ער זאָל אַפילו זען דאָס סאַמע שרעקלעכע — מיט צוואַנגען וועט ער אײַנהאַלטן די טרערן!

און ער גיט אַ קוק אין דריטן שפּיגל. אַזוי פיל מענטשן גייען, אַלע גייען זיי אויף מלחמה. אַלע שרײַען זיי און לאַכן אַזוי ווילד. זיי קומען צו די טויערן פון דער שטאָט מײַנץ. אַזוי פיל בלוט! דאָס קוילעט מען מענטשן? ייִדן? אָט איז ער אַליין! ער לויפט אין אַ גאָרטן, ער באַהאַלט זיך... וועלן נאָך בלײַבן ייִדן אין מײַנץ? פאַרפלאָמטע און טרוקענע קוקן די אויגן אויף אַ גרויסן אומגליק וואָס וועט קומען. ער דאַרף זען אַלחנגען! אָט זעט ער אים... ער טראָגט אַ גרויסן צלם אויף דער ברוסט.

עס איז איבער די כּוחות. עס פאַלט ווידער אַ טרער. פון לעצטן שפּיגל ווערט אַ ביסעלע אַש...

דאָ האָט די אומגליקלעכע מוטער אַ געשריי געטאָן. ר׳ שמעון האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז אויפגעשפּרונגען.

ח. דער פּאַטער טאַמאַס.

„טערעזע, וואָס שלעפּסטו מיך אַזוי פאַר דער האַנט? איך קען גיין אַליין!" — האָט אלחנן געוואָלט אַרויסציִען זיַין הענטל פון טערעזעס האַנט. ער האָט זיך געשראָקן פאַר טערעזען און געוואָלט אַנטלויפן אַהיים.

טערעזע האָט ניט געענטפערט. זי האָט געגעבן אַ כאַפּ אַרויף דאָס קינד און גענומען לויפן, אַזוי אַז אירע הילצערנע שיך האָבן געשפּריצט אין דער בלאָטע פון געסל. עס איז איר אַנטקעגן אַרויס אַ הויכע געשטאַלט. פון עפּעס אַ טויערל איז דער מענטש אַרויס.

— „פּאַטער טאַמאַס! פּאַטער טאַמאַס!" — האָט זיך טערעזע אַ לאָז געטאָן צו אים.

יענער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד. אלחנן האָט אָנגעהויבן שרײַען. אָבער דער פּאַטער טאַמאַס האָט אים פאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט אַ טיכל, אַריבערגעוואָרפן איבער אים אַ פאָלע פון זײַן לאַנגן שוואַרצן מאַנטל און אַרײַן מיט אים אין דעם טויערל. דאָס קינד האָט אים געבריקעט און טערעזע האָט געוואָלט אים אָנכאַפּן פאַר דער האַנט. זי האָט זיך געבעטן:

— „לאָז אָפּ דאָס קינד! איך וויל ניט, איך וויל עס ניט!"

— „שווײַג, דו נאַרישע, איצט איז שוין אַלץ פאַרפאַלן פאַר דיר. ווען דו וועסט זײַן שטיל און פאָלגן וואָס איך זאָג דיר, וועל איך דיך ראַטעווען, אַניט וועלן די פאַרשאָלטענע יִדן דיך דערהרגענען. דאָס איז ניט קיין קינד, עס איז אַ טײַוול!" — האָט דער פּאַטער טאַמאַס אויסגעשריִען, ווען ער האָט געקראָגן אַ שטאַרקן קלאַפּ פון אלחננס פוס.

זיי זײַנען אַלע אַרײַן אין אַן אַלט הויז וואָס איז געשטאַ-

נען אין מיטן פון אַ גרויסן הויף. דער גלח האָט אַראָפּגעלאָזן דאָס קינד פון די הענט און אים באַפרײַט דאָס מויל.

— „בלײַב דאָ!" — האָט דער פּאַטער טאָמאַס געזאָגט טערעזען — „פּרוּוו נאָר ניט צו אַנטלויפן! פון דאַנעט אַנט־לויפט מען ניט. דו וועסט דאַרפן די נאַכט אָוועקפּאָרן פון מײַנעץ. מײַנער אַ דינער וועט דיך אָוועקפירן, דו זאָלסט ניט אַרײַנפאַלן צו די ייִדן אין די הענט אַרײַן. וויין ניט און שרײַ ניט, עס וועט דיר ניט העלפן!"

דער פּאַטער טאָמאַס האָט טערעזען פאַרשלאָסן אין קאַמער און דאָס קינד האָט ער ווידער גענומען אויף די הענט. ער איז מיט אים געגאַנגען דורך אַן אונטערערדישן גאַנג. ווען אלחנן האָט ווידער געפּרוּווט אים בריקען מיט די פיס און אפילו אים בײַסן, האָט ער ווי אַ מערדער געשלאָגן דאָס קינד. ער האָט עס לאַנג געטראָגן אין דער פינצטער, געבראַכט צו אַ טיר, אויפ־געעפנט זי, אַ וואָרף געטאָן דאָס קינד און אַרויס.

אלחנן איז געבליבן אין דער פינצטער. ער האָט לאַנג גע־וויינט, ביז ער איז אײַנגעשלאָפן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווען עס איז אים געוואָרן קאַלט. עס איז געווען פינצטער און ער האָט זיך געשראָקן. ער איז איצט אויך געווען הונגעריק. ער האָט געפּרוּווט שרײַען. זײַנע געשרייען האָבן אַזוי מאָדנע אָפּ־געקלונגען אין דעם לײדיקן צימער. ער האָט זיך צוגערוקט צו אַ וואַנט. די וואַנט איז געווען אַ קאַלטע, אַ נאַסע. ער האָט ניט געוויינט מער. ער האָט אָנגעהויבן צו בעטן גאָט. אַלע געבעטן וואָס ער האָט שוין געקענט אויף אויסנווייניק האָט ער געזאָגט און געזאָגט, ביז ער איז ווידער אײַנגעשלאָפן.

ווען ער האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט, האָט פון ערגעץ אַ שפּאַלט אַרײַנגעשײַנט אַ ביסל ליכט. די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן. דער פּאַטער טאָמאַס איז געשטאַנען פאַר אים.

ט. עס איז א טייוול!

אלחנן אט זיך דערשראָקן און זיך פאַררוקט אין ווייטסטן ווינקל.

אָבער איצט איז דער פאָטער טאַמאַס געווען אַן אַנדע־רער. ער האָט זיך צוגעזעצט צום יינגל און אָנגעהויבן צו ריידן צו אים מיט גוטן. ער האָט אים דערציילט, אַז מע וויל אים ניט טאָן קיין שלעכטס, מע וועל אים ראַטעווען. מע וועט אים געבן גוט צו עסן, אַ גוט אָרט וואו צו זיין. מע וועט אים געבן שיינע קליידער און אַלע גוטע זאַכן וואָס ער וועט נאָר וועלן. ער דאַרף אָבער פאָלגן, טאָן אַלץ וואָס מען הייסט אים.

— „איך וויל אַהיים!" — האָט אלחנן געענטפערט.

„דיין היים וועט זיין אַן אַנדערע, אַ נייע!" — האָט דער גלח געזאָגט אַזוי זיס, ווי ער האָט נאָר געקאָנט, און ווייטער גענומען ריידן ווי גוט עס וועט אים דאָ זיין. נאָך דעם האָט ער אים אַרויסגעפירט פון דעם קעלער, מען האָט אים געבראַכט אין אַ שיינעם צימער. איינע אַן עלטערע פרוי האָט אים אָרומ־געוואַשן און אים געבראַכט עסן. אלחנן האָט זיך צום עסן ניט צוגערירט. די פרוי האָט אים גענומען איינריידן, אַז ער זאָל וואָס עסן, אים גענומען פרעגן, פאַרוואָס ער עסט ניט.

— „עס איז טרייף!" — האָט אלחנן געענטפערט.

איז זי אַרויס און אים געלאָזן ביים טיש מיט אַלע גוטע עסנס. קיינער איז צו אים ניט אַריין. די טירן זיינען אָבער גע־ווען פאַרשלאָסן. אלחנן איז געווען זייער הונגעריק, אָבער ער האָט צו קיין זאַך זיך ניט צוגערירט. אַזוי איז אַוועק דער גאַנצער טאָג.

אין אָוונט איז אַריין דער גלח מיט נאָך אַ צווייטן, האָט ער געזען ווי אַלץ שטייט אויפן טיש ניט גערירט און געזאָגט:

—„טייוואָלים זיינען זיי, ניט קיין קינדער! אָט דער קליי־

נער ייִנגל האָט שוין צוויי טעג קיין זאַך אין מויל ניט געהאַט! ער וועט נאָך שטאַרבן פון הונגער, אַט דער טײַוול!"

האָבן ביידע גלחים איבער גוואַלד גענומען פּיטערן אלחנגען. דער ייִנגל האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זײַטן און זיך געריסן פון זייערע הענט. אָבער ער איז געווען זייער שוואַך און זיי האָבן אים אַרײַנגעשטאָפּט אין מויל אַרײַן עסנס, און כּדי ניט דערשטיקט צו ווערן, האָט ער עס געמוזט אַראָפּשלינגען. אָבער ווי נאָר די גלחים האָבן אים אָפּגעלאָזן, האָט ער אַרײַנגעלייגט די האַנט טיף אין מויל אַרײַן און אויסגעבראָכן וואָס ער האָט אַראָפּגעשלונגען.

— „עס איז אַ טײַוול! אַ פּינפּיאָריק קינד זאָל זײַן אַזוי אײַנגעשפּאַרט!" — האָט געזאָגט דער פּאָטער טאָמאָס.

— „עס טויג ניט אַזוי", — האָט זיך אָפּגערופן דער צווייטער — „מע קען ניט איבער גוואַלד".

זיי האָבן אים צו רו געלאָזט. עס איז אַרײַן די פרוי, זי האָט געמאַכט פאַר אים אַ גוטן און ווייכן געלעגער. זי האָט מיט אים גענומען ריידן, וואָס ער מעג יאָ עסן. אלחנן האָט געבעטן אַן עפּל. ער האָט עס גלײַך געקראָגן. די פרוי האָט אַרײַנגעבראַכט נאָך פרוכט און אים אָנגעזאָגט, אַז ער קען בעטן בײַ איר אַלץ וואָס ער וויל.

— „לאָז מיך אַרויס פון דאַנעט! איך וויל אַהיים!" — האָט ער געענטפערט.

י. דער ייִנגל אַנטלויפט.

עס זײַנען אַוועק אַ פּאָר טעג. איין מאָל האָט מען דעם ייִנגל אויפגעוועקט אין מיטן נאַכט, מען האָט אים וואַרעם אָנגעטאָן און אים אַרײַנגעזעצט אין אַ גרויסן וואָגן. מיט אים איז מיטגעפאָרן דער פּאָטער טאָמאָס. מען איז געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג. נאָר צוויי מאָל

האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, כּדי די פערד זאָלן זיך אָפּרוען. צום יינגל האָט איצט קיינער ניט גערעדט, ניט דער גלח טאָמאָס, ניט דער פורמאַן וואָס האָט געטריבן די פערד.

— „וואוהין פירט איר מיך?” — האָט אלחנן שוין הונ־דערטער מאָל געפרעגט. ער האָט געוויינט און געבעטן, מע זאָל אים זאָגן, וואוהין מע פירט אים, אָבער קיינער האָט אים ניט געענטפערט.

ווען עס איז געקומען די צווייטע נאַכט, האָט מען געגעב־טיקט אין אַ קרעטשמע. מען האָט אַרויפגעפירט דעם יינגל אין אַ דאַכקעמערל. מען האָט אים געגעבן עסן וואָס ער האָט גע־בעטן: אַן איי, פרוכטן. דער פורמאַן איז אַראָפּ שלאָפן אין וואָגן, דער גלח טאָמאָס האָט זיך געלייגט אין בעט. נאָך אַ געלע־גער האָט מען צוגעגרייט פאַרן יינגל.

אלחנן האָט זיך געמאַכט שלאָפנדיק. ער האָט געוואַרט אַז דער גלח טאָמאָס זאָל איינשלאָפן. עס איז שוין אין מיטן נאַכט. אַלע מוזן שוין שלאָפן. אלחנן קריכט שטיל אַרונטער פון געלע־גער. ער גייט צו צום שטול וואו עס ליגן דעם גלחס זאַכן. ער האָט געזען וואו יענער האָט אַריינגעלייגט דעם שליסל פון צי־מערל. אָט האָט ער שוין דעם שליסל אין האַנט.

אויף די שפּיץ פינגער גייט אלחנן צו דער טיר. ער עפנט דעם שלאָס. ער גייט שוין אַראָפּ פון די טרעפּ. קיינער הערט ניט. אָט איז ער אונטן. עמעצער כראָפּעט. עס איז שטיל. ער עפנט נאָך אַ טיר. ער איז אין דרויסן, ער איז פריי!

— וואוהין זאָל ער לויפן?

י ו ד ל מ א ר ק

יא. אַליין אין וואַלד.

אלחנן איז געשטאַנען אין דרויסן און געציטערט. עס האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. די נאַכט איז געווען אַ פינצ־טערע, קיין לבנה, קיין שטערן אין הימל. אַ ווײַלע האָט זיך אים גאָר געוואָלט גיין צוריק, זיך אַנידערלייגן אויפן ווייכן און וואַרעמען געלעגער. אָבער דאָס איז געווען נאָר איין קורצע ווײַלע.

דער ייִנגל האָט אָנגעהויבן צו גיין. די אויגן האָבן זיך שוין צוגעוויינט צו דער פינצטערניש. ער גייט מיטן ליידיקן וועג. די פיס טרעטן אין אַ ווייכער בלאָטע. „ניט לויפן! ניט שרעקן זיך!״ — זאָגט ער צו זיך אַליין. פון ווײַטן הערט זיך אַ בילן פון הינט און אלחנן האַלט ניט אויס — ער הייבט אָן צו לויפן. דער ווינט פּאַטשט אין פּנים און ער לויפט. דער וועג גייט באַרג אַראָפּ, ער לויפט און אָטעמט קוים. ער פאַרטשעפּעט זיך אָן עפּעס און פאַלט.

ער האָט זיך ניט צעקלאַפּט. אָבער איצט איז ער אין גאַנצן אין בלאָטע, די קליידער זײַנען נאַס. דער וועג האָט געבראַכט צו אַ וואַלד. שטייט אין מיטן נאַכט, אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים אַ קליינער ייִנגל, שטייט און בעט זיך:

— „אליהו הנביא, גוטער אליהו, קום און ראַטעווע מיך, קום און פיר מיך אַהיים!״

פּלוצעם דוכט זיך אים, אַז ער זעט ווי פײַערלעך וואָלטן זיך דערנענטערט צו אים.

— וועלף! — גיט ער אַ טראַכט. ער נעמט קלעטערן אויפן בוים. ער זיצט איצט אויף אַ צווײַג, מיט ביידע הענט האַלט ער אַרומגענומען דעם פּײַכטן שטאַם און ער קוקט זיך אום.

קיין פײַערלעך זײַנען ניטאָ. ער הערט נאָר ווי דער ווינט גייט איבער די קעפּ פון די ביימער און ווי די ביימער קרעכצן.

אלחנן האָט צוגעטוליעט דאָס פּנימל צום שטאַם פון בוים, און ער בעט זיך ווײַטער:

— „אליהו, גוטער אליהו...״

און דער גוטער אליהו דערהערט אויפן הימל דאָס שטילע בעטן זיך, און ער קומט אַראָפּ, אין אַ פײַערדיקן רײַטוואָגן קומט ער אַראָפּ, אין דעם זעלביקן רײַטוואָגן, וואָס האָט אים אַרויפגעבראַכט אויפן הימל. ער לאָזט שטיין דעם פײַערדיקן רײַטוואָגן אין מיטן די וואָלקנס און אַליין קומט ער אַראָפּ און ער גיט אים אַ נעם, און ער וויקלט אים אײַן אין אַ לאַנגן, ווייכן, וואַרעמען האַריקן מאַנטל, און ער גיט אים אַ הייב און ער זעצט אים אַוועק לעבן זיך אין רײַטוואָגן, און די פײַערדיקע פערד פליִען. און אליהו שמייכלט צו אים, און עס איז אים אַזוי גוט, אַזוי גוט. קוקט ער זיך אום און זעט, ווי איינער, אַ הויכער און מיט אַ שוואַרצער באָרד, אָבער מיט אַ גרויסן גלאַנציקן פליך שטרעקט אויס די הענט צו דעם רײַטוואָגן. ער בעט זיך, מע זאָל אים אויך אַרויפנעמען און ער שרײַט:

— פּאָטער מײַנער, פּאָטער מײַנער, נעם מיך אויך מיט.

און אלחנן בייגט זיך צו צו אליהו הנביא און זאָגט אים אין אויער:

— דאָס איז דאָך אלישע, דײַן תּלמיד אלישע, נעם אים אויך מיט!

אָבער אליהו נעמט אים אַרום און ענטפערט אים גאָר שטיל:

— מע קען ניט, מע קען נישט אָפּשטעלן דעם פײַערדיקן רײַטוואָגן, ווײַל דער גלח טאָמאָס יאָגט זיך נאָך אונדז. מיר דאַרפן וואָס ווײַטער אַוועקפליִען פון אים.

— יאָ, טײַערער אליהו, יאָ, מיר דאַרפן וואָס ווײַטער אַוועקפליִען פון אים.

— האַלט זיך אָן אָן מיר, דו זאָלסט ניט אַרויספאַלן פון רײַטוואָגן!...

יב. אין היץ.

הינט בילן, עס דערגענטערן זיך רייטערס. ער איז שוין גרויער פרימאָרגן. אלחנן ציטערט. ער איז אַרויסגעפאַלן פון רייטוואָגן און איצט וועט אים דער בייזער טאַמאַס ווידער אַרייַנקריגן אין זיינע הענט. אָבער ער וועט גאָר שטיל זיצן אויפן בוים. אפשר וועלן זיי אים ניט דערזען?

זיי זיינען פאַרביי! נאָר אָט שטעלן זיי זיך אָפּ, זיי קוקן אין אַלע זייטן. די הינט דערשפּירן עפּעס און לויפן אויף צוריק. אַ הויכער דאַרער הונט מיט שפּיציקע אויערן שפּרינגט שוין צום בוים. און אָט איז שוין די שטים, די בייזע שטים פון דעם בייזן מענטשן:

— „קריך אַראָפּ, דו טייוול!"

ניין, ער וועט קיין וואָרט ניט ענטפערן, ער וועט ניט אַראָפּקריכן. ער וועט נאָך מער זיך דריקן צום בוים. אפשר וועט געשען אַ נס, אפשר וועט דער בוים אויף אים רחמנות קריגן, און דער בוים וועט זיך שפּאַלטן און וועט אים אַרייַננעמען אין זיך. אַזוי ווי דעם נביא ישעיהו, ווען די געשיקטע פון בייזן קיניג האָבן אים געיאָגט און געזוכט צו טייטן. ער וועט נאָך העכער קריכן!

אלחנן פאַלט. מע כאַפּט אים אונטער. ניין, ער האָט ניט קיין כוחות אפילו אַ בריקע צו טאָן זיינע פייניקערס. עס רינען נאָר שטילערהייט די טרערן און עס איז אים אַזוי היים, אַזוי היים.

מע טראָגט אים. ער ליגט ערגעץ וואו. דוכט זיך, מע פאָרט ווייטער. איצט איז אים אָבער אַזוי שרעקלעך קאַלט. פאַרוואָס דעקט אים די מאַמע ניט איין?... ווער זיצט דאָס לעבן אים? איז דאָס טאַמאַס אָדער דער גוטער אליהו? ער איז דאָך געקומען צו אים!...

דוכט זיך אַז ער ליגט אין בעט. דוכט זיך אַז אַ לעמפּל ברענט אויף אַ טישל. וואו איז ער? ער האַלט די אויגן אָפן, זעט ער לעבן זיך אַן אַלטן מאַן. יענער באַמערקט אים, ער שמייכלט צו אים און פרעגט מיט אַ גוטער שטים:

— „נו, איצט איז דיר שוין גוט?"

— „איך וויל טרינקען!"

— „וואַרט, איך וועל דיר אונטערהאַלטן דעם קאָפּ, וועט דיר זײַן באַקוועמער צו טרינקען. אָט אַזוי!" — און דער אַלטער הייבט אים אונטער דעם קאָפּ און גיט אים עפּעס צו טרינקען.

— „אַ דאַנק".

— „ביסט אַ גוט קינד, און איצט וועסטו שוין זײַן געזונט"

— שמייכלט צו אים דער אַלטער און עס פרייען זיך אַלע קנייטשן פון זײַן פּנים.

— „וואו בין איך?"

— „אין קלויסטער פון הייליקן יאַקאָב, אין בראַמבערג".

— „ווי בין איך אַהער געקומען?"

— „דו ביסט שוין דאָ אַ וואָך צײַט. דו ביסט געווען זייער קראַנק און מיר האָבן זיך דאָ אַלע געשראָקן פאַר דײַן לעבן. זיץ איך דאָ טאָג און נאַכט און וואַרט, אַז דיר זאָל בעסער ווערן. נו, זעסטו, ביסט טאַקע שוין באַלד געזונט".

— „אָבער ווי בין איך אַהער געקומען?"

— „מען האָט דיך געבראַכט אַהער זייער אַ קראַנקן און דיך געלאָזט דאָ."

— „ווער זײַט איר? ווי רופט מען אײַך?"

— „רוף מיך פאָטער פעליקס."

יג. דער פאַטער פעליקס.

„איך וויל אַהיים, פאַטער פעליקס!" — האָט אַ זאָג געטאָן אלחנן און געוואָלט זיך אויפזעצן.

— „וואַרט, דו ביסט נאָך זייער שוואַך. פריִער דאַרפסטו אין גאַנצן געזונט ווערן".

דער פאַטער פעליקס איז ניט אָפּגעטראָטן פון יינגלס בעט. ער האָט אים געגעבן רפואות, ער האָט אים דערציילט אַ סך שיינע מעשיות און אים געטרייסט אַז ער וועט קומען אַהיים. דער יינגל איז געווען זייער שוואַך און אַלץ וואָס דער פאַטער פעליקס האָט אים געזאָגט — האָט ער געפאָלגט. ער האָט ליב געקראָגן דעם גוטן גלח פאַטער פעליקס.

און ווען אלחנן איז אַראָפּ פון בעט, האָט אים דער פאַטער פעליקס צוגעזאָגט אַז ווען ער וועט נאָר קאָנען, וועט ער אים פירן צוריק קיין מײַנץ. דערווײַל אָבער זאָל ער שוין בעסער אַ ביסל וואַרטן, ביז מע וועט אים קענען פירן אַהיים. ער וועט דערווײַל זײַן מיט אים, אים לערנען, אים דערציילן שיינע מעשיות, אים געבן צו עסן נאָר דאָס וואָס ער וויל עסן און אים היטן, אַז עס זאָלן ניט קומען אים נעמען אַזעלכע שלעכטע מענטשן ווי עס איז דער בייזער פאַטער טאָמאַס, אויף וועמען אלחנן האָט זיך אַזוי ביטער געקלאָגט.

עס איז שוין געווען זומער. אַרום דעם קלויסטער האָט זיך געצויגן אַ גרויסער גאָרטן. דאָרטן זײַנען געזעסן אלחנן מיטן פאַטער פעליקס און זיי האָבן געלערנט. דער יינגל האָט נאָך אַלץ געהוסט. דער פאַטער פעליקס פלעגט אים געבן רפואות קעגן הוסט, אים גלעטן, אים אונטערטראָגן געשמאַקע זאַכן. אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען מיט אים און בײַנאַכט זײַנען זיי געשלאָפן איינער לעבן אַנדערן. דאָס בענקען אַהיים איז געוואָרן שוואַכער. איצט האָט שוין דער יינגל געוואָלט קומען אַהיים,

אָבער דער פֿאָטער פֿעליקס זאָל אויך פֿאָרן מיט אים און בלײַבן מיט אים.

אלחנן האָט ניט געקאָנט ניט פֿאָלגן אַזאַ גוטן מענטשן ווי עס איז געווען דער פֿאָטער פֿעליקס. האָט ער געטראַכט, אַז ער זינדיקט, אַז ער דאַרף גאָר אַנטלויפֿן — — אָבער בײַ דעם איז אים אַ קעלט דורכגעגאַנגען דורך די ביינער. ער האָט זיך דערמאָנט די נאַכט אין וואַלד און ער האָט אַ קלער געטאָן:

אליהו הנביא איז ניט געקומען, און דער פֿאָטער פֿעליקס האָט אים יאָ געהאָלפֿן.

האָט ער זיך דערשראָקן, וואָס ער טראַכט אַזוי. ער איז זייער בלאַס געוואָרן.

— „וואָס איז מיט דיר?” — האָט אַ פֿרעג געטאָן דער פֿאָטער פֿעליקס.

— „איך האָב זיך דערמאָנט אַ מעשׂה”.

— „דערצייל מיר דײַן מעשׂה”.

יד. די מעשׂה מיט ר׳ אַמנון.

אין מײַנץ האָט אַמאָל געלעבט זייער אַ חשובֿער ייִד וואָס פֿלעגט אָפֿט אַרײַנקומען צום בישאָף (ביסקופּ) און געהאַט מיט אים לאַנגע געשפּרעכן. ר׳ אַמנון האָט ער געהייסן. האָט דער בישאָף אים געוואָלט איבעררייִדן אַז ער זאָל זיך שמדן, אָבער ר׳ אַמנון האָט שטענדיק זיך אָפּגע־זאָגט פֿון דעם. איין מאָל האָט דער בישאָף צו אים זייער לאַנג גערעדט און פֿיל מיט אים געטענהט, אַז ר׳ אַמנון זאָל זיך שמדן, און נאָך דעם אים געסטראַשעט, אַז אויב ניט, וועט ער אים פֿאַרטרײַבן פֿון שטאָט. האָט ר׳ אַמנון זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט: „זאָל דער בישאָף מיר געבן דרײַ טעג זיך צו באַ־טראַכטן”. „גוט” — האָט געענטפֿערט דער בישאָף, און ר׳ אַמנון איז אַוועק אַהיים.

אז ער איז געקומען אהיים, האט ער קלאר דערפילט, סארא זינד ער איז באגאנגען. פארוואס האט ער זיך ניט אפגעזאגט? וואס האט ער דא צו באטראכטן? ניין, ער וועט אין דריי טעג ארום ניט קומען צום בישאף! און ווען די דריי טעג זיינען פאר־ביי און ר׳ אמנון איז ניט געקומען צום בישאף, האט דער בי־שאף אים געשיקט רופן צו זיך. איז ר׳ אמנון ניט געגאנגען. האט דער בישאף נאך א מאל געהייסן קומען צו אים. ווען ר׳ אמנון האט ווידער ניט געפאלגט, האט מען אים איבער גוואלד געבראכט צום בישאף. „שנייד אוים מיין צונג וואס האט געזינדיקט און גערעדט פאלש — איך האב זיך ניט וואס צו באטראכטן, איך וועל קיין מאל ניט בייטן מיין גלויבן!" — אזוי האט ר׳ אמנון געזאגט דעם צארנדיקן בישאף. און דער בישאף האט געענטפערט: — „ניין, דיין צונג האט גוט גערעדט, מע דארף זי ניט אויסשניידן, אבער דיינע פים האבן ניט געפאלגט, ווען איך האב געהייסן קומען!" — און דער בישאף האט בא־פוילן מע זאל דעם אומגליקלעכן ר׳ אמנון אפשניידן די פים.

ר׳ אמנון איז געווען צופרידן מיט דער שטראף. ער האט געזינדיקט און איז באשטראפט געווארן. נאך דעם אז עס איז געקומען ראש השנה, האט ער געבעטן מע זאל אים אוועקטראגן אין שול, און אין שול האט ער צום ערשטן מאל געזאגט די תפילה... איך האב פארגעסן ווי די תפילה הייסט! איך ווער א גוי, פאטער פעליקס! איך בין זינדיק, א סך מער זינדיק ווי ר׳ אמנון".

— „אבער קיינער וועט דיר די צונג ניט ארויסשניידן און קיינער וועט דיר די פים ניט אפהאקן", — האט רואיק גע־שמייכלט דער אלטער מאן — „און קיינער וועט דיך ניט צווינגען צו ווערן אוים ייד".

— „אבער איך זינדיק! איך האב אזוי פיל געטראכט וועגן ר׳ עמרם וואס איז געקומען א טויטער צו שווימען אין זיין שטאט מיינץ. געדענקסט? איך האב דיר דערציילט. און איצט

טראַכט איך גאָר וועגן אַן אַנדער מעשׂה. איצט ווייס איך ניט, צי איך בין נאָך אַ ייִד. איך וויל פאָרן אַהיים".

— „מע דאַרף טאַקע אַוועקפאָרן פון דאַנעט", — האָט פּלוצעם אַ זאָג געטאָן דער אַלטער — „מיר וועלן ביידע אַוועקפאָרן ווייט, ווײַט, אין אַ שיין לאַנד. איך האָב דיר אַ סך דערציילט וועגן איטאַליע, וועגן רוים. מיר וועלן ביידע פאָרן אַהין".

— „און מע פאָרט פאַרבײַ מײַנץ? און איך וועל זען טאַטע-מאַמע?"

דער אַלטער האָט אַזוי ווי ניט געהערט די לעצטע פראַגע:

— „יאָ, מיר פאָרן קיין רוים".

טו. דער ברענער-דורכגאַנג.

די פערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אלחנן האָט אויס געשטעלט זײַן נײַגעריק פּנימל און געפרעגט:

— „וואו זײַנען מיר איצט?"

— „מיר זײַנען בײַם ברענער-דורכגאַנג", — האָט דער פאָטער פעליקס געענטפערט — „מיר וועלן זיך דאָ אָפּרוען".

זיי זײַנען שוין געפאָרן צוויי חדשים צײַט. מען האָט זיך ניט געאײַלט. מען האָט אָפט גערוט. אין שיינע ערטער איז מען געשטאַנען עטלעכע טעג. פאָטער פעליקס האָט געוויזן אלחננען בערג און טײַכן, און שיינע געבײַדעס און אַלטע קלויסטערס. אין די קלויסטערס האָט מען גערוט. פאָטער פעליקס האָט פאַר די מאָנאַכן זיך באַרימט מיט דעם, סאַראַ גוט ייִנגל עס איז זײַן קליינער תּלמיד אלחנן. פאָטער פעליקס האָט מיט אלחננען געלערנט די גאַנצע צײַט די שפּראַך פון דער קריסטלעכער קירך — לאַטײַן. ער האָט אים געלערנט, ווי אַזוי מע רעדט איצט אין איטאַליע, וואוהין זיי פאָרן. ער האָט אים אויך דערציילט אַ סך שיינע מעשׂיות וועגן קריסטלעכע הייליקע.

אלחנן איז געווען זייער צופרידן וואָס אַלע לויבן אים. ער האָט געוואָלט אַז פּאַטער פּעליקס זאָל אים נאָך מער לערנען פון זײַנע זאַכן, וועט ער וויסן ווי צו ענטפערן אויף נאָך מער פראַגעס פון פּאַטער פּעליקסעס פרײַנד. זיי וואונדערן זיך אַזוי און זיי שאָקלען מיט די קעפּ און ריידן צווישן זיך אין דער שטיל: „איז דאָס אַ קינד! האָט ער אַ קאָפּ! מיר האָבן נאָך אַזאַ קינד ניט געטראָפן!" און אלחנן הערט עס און ער לאָזט פאַרשעמט אַראָפּ די אויגן, און פּאַטער פּעליקס גלעט אים איבערן בעקל און זאָגט: „יאָ, ער האָט אַ טײַערן קאָפּ. וואָס מע זאָגט אים, גע־דענקט ער עס גלײַך!"

אלחנן איז אַרויסגעשפּרונגען פון וואָגן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט שוין געזען שיינע ערטער. אָבער איצט איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער. איבער אים האָט דער הויכער באַרג ברענער זיך געטונקט אין דעם ליכט פון דער זון וואָס גייט אונטער. דער שניי אויפן באַרג איז פריִער געווען רויט, נאָך דעם ראָז, נאָך דעם האָבן די קאָלירן זיך גע־נומען גיך בײַטן. נידעריקער האָט זיך געזען אַ שוואַרצער וואַלד. ווײַס, רויט, שוואַרץ, גרין — אַזוי פיל פאַרבן אין איינעם!

— „ווי שיין עס איז גאָטס וועלט!" — האָט פּאַטער פּעליקס געזאָגט. און אלחנן האָט אַ טראַכט געטאָן: דער טאַטע וואָלט אַזוי געערדט. האָט זיך אים מיט אַ מאָל פאַרוואָלט ווײַ־נען. אַרום איז אַזוי שיין און אים איז געוואָרן אַזוי טרויעריק!

אָבער ער האָט קיין צײַט ניט געהאַט צו טראַכטן. עס זײַ־נען אַרויסגעלאָפן מענטשן פון דער קרעטשמע, וואָס זי איז געווען ניט ווײַט פון אָרט וואו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. עס איז גע־וואָרן אַ טומל, מען האָט זיי אַרײַנגעפירט אינעווייניק. מען האָט זיי געגעבן צו עסן. און אלחנן איז גראָד געווען הונגעריק. נאָך דעם האָט מען זיך געלייגט שלאָפן.

גאָר פרי איז מען אויפגעשטאַנען. צוויי מולאייזלען האָבן געוואַרט פאַר דער טיר. אויף איינעם האָט זיך געזעצט פּאַטער פּעליקס, אויף דעם צווייטן איינער זייער אַ הויכער מאַנאך וואָס

האָט גענומען צו זיך אלחננען.

פאַמעלעך זײַנען זיך די מױלאייזלען געגאַנגען באַרג אַרױף. מען איז געקומען צו אַ שמאָלן און געדריידלטן װעג. האָט מען די מױלאייזלען אָפּגעשטעלט בײַ אַ קלײנעם הײַזל און װײַטער איז מען געגאַנגען צו פוס. דער הױכער מאַנאַך האָט גענומען אלחננען אױף די פּלײצעס און מען איז געגאַנגען נאָך העכער.

מען איז געקומען צו אַ קלײנעם קלױסטער. פון דאָרטן האָט מען געקענט זען אַרום זיך אַזױ פיל װעלט!

— „מיר זײַנען אױף דער גרענעץ" — האָט פאַטער פעליקס געזאָגט — „אָט פון דער זײַט זעסטו דאָס שײנע לאַנד לאָמבאַרדיע. מיר װעלן פאָרן אַהין און נאָך דעם װײַטער קײן רױם".

— „און װען װעלן מיר זײַן אין מײַנץ?" — האָט אלחנן געפרעגט און טרערן האָבן זיך באַװיזן אין די אױגן.

— „יאָ, מיר װעלן קומען קײן מײַנץ, אָבער פריִער װעלן מיר נאָך זען אַ סך שײנע זאַכן. מיר װעלן פריִער זײַן אין רױם, אױפן װעג צוריק װעלן מיר קומען אין מײַנץ".

אלחנן האָט געשװיגן. ער האָט געטראַכט, אַז אליהו הנביא דאַרף קומען און בײַנאַכט אים אַװעקטראָגן קײן מײַנץ. אָבער ער האָט ניט געװײנט: עס איז געװען אַזױ שײן אַרום אים!

טז. בײַם פּױפּס.

אין אַ האַלב יאָר אַרום איז אלחנן אָנגעקומען קײן רױם. פאַטער פעליקס האָט אים געפירט איבער אַלע שײנע ערטער, אים געװיזן די געבײַדעס און די רױאינען װאָס זײַנען געבליבן פון די אַלטע צײַטן.

עס איז געקומען אַ גליקלעכער טאָג אין פאַטער פעליקסעס לעבן. מאָרגן װעט ער קומען צום פּױפּס! ער האָט אַזױ פיל דערציילט אלחננען װעגן פּױפּס. מער פון אַלץ האָט ער אים דערציילט װעגן דעם גרױסן פּױפּס גרעגאָר דעם זיבעטן, װאָס ער

איז געווען שטאַרקער פאַרן שטאַרקסטן קיניג פון זײַן צײַט. ער האָט אים אויך דערציילט, אַז דער איצטיקער פויפּס הייסט אור־באַן דער צווייטער און אַז ער וויל נאָכמאַכן דעם גרויסן פויפּס גרעגאָר. אומעטום נעמט פּאָטער פעליקס מיט אלחננען. מאָרגן וועט ער אים אויך מיטנעמען. ער דאַרף אָבער דאָרטן אים אַליין נאָכטאָן.

אלחנן איז אויך געווען אומרואיק. ער האָט געוואָלט זען דעם פויפּס און ער האָט געטראַכט, אַז איצט זינדיקט ער שוין גאָר שטאַרק. אָט שטייען זיי ביידע פאַר זייער אַ גרויסן זאַל. פּאָטער פעליקס האַלט אים פאַר דער האַנט. עס עפענען זיך די טירן. פּאָטער פעליקס פאַלט אויף די קני. ער ציט אַראָפּ צו זיך אלחננען. און אויף די קני רוקן זיי זיך ביידע, ביז זיי קו־מען צו צו אַ טראָן. אויפן טראָן זיצט אַן אַלטער מאַן אין אַ לאַנגן רויטן מאַנטל. פּאָטער פעליקס קושט די האַנט פון דעם אַלטן מאַן און אלחנן טוט אים נאָך. דער אַלטער מאַן שמייכלט. ער הערט ווי פּאָטער פעליקס דערציילט וועגן אים דעם פויפּס. דער גוטער פּאָטער פעליקס לויבט אים אַזוי שטאַרק. און אל־חנן הערט ווי דער פויפּס זאָגט:

— „ברענג אים צו מײַן גוטן פרײַנד פּיערלעאָני. דאָרטן וועט אים גוט זײַן."

— „איך האָב געהערט אַז פּיערלעאָני שטאַמט פון יידן" — האָט שטיל געזאָגט פּאָטער פעליקס — „אפשר..."

— „מײַן פרײַנד פּיערלעאָני איז געבאָרן געוואָרן אַ קריסט" — האָט דער פויפּס געזאָגט — „זײַן פּאָטער, לעאָ, וואָס איז געווען אַ דאָקטער בײַם פויפּס האָט אָנגענומען אונדזער גלויבן. פּיערלעאָני און זײַן פּאָטער זײַנען אַלע מאָל געווען אונדזערע געטרײַסטע אָנהענגערס".

זיי האָבן גערעדט זייער שטיל און אויף לאַטײַן. אלחנן האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען. ער האָט זיך געשראָקן און ער איז געווען זייער נײַגעריק: וואָס וועט איצט געשען מיט אים?

יז. אין פּאַלאַץ.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט אים פּאַטער פעליקס אויסגעפּוצט און געזאָגט:

— „מיר גייען איצט צו דעם רײַכסטן מענטשן אין רוים.

ער הייסט פּיערלעאָני און ער איז זייער אַ גוטער און קלוגער מענטש. קען זײַן אַז מיר וועלן דאָרטן וואוינען די גאַנצע צײַט וואָס מיר וועלן זײַן אין רוים".

— „און ווי לאַנג וועלן מיר זײַן אין רוים?" — האָט אלחנן געפרעגט. אָבער ער האָט קיין ענטפער ניט געקראָגן.

פּאַטער פעליקס האָט אים געפירט פאַר דער האַנט. זיי זײַנען געקומען צו אַ שיינעם פּאַלאַץ. דער פּאַלאַץ איז געווען העכער פון אַלע אַנדערע הײַזער און ער איז געווען געבויט פון מירמלשטיין. זיי זײַנען אַרויף אויף ברייטע טרעפּ. פון ביידע זײַטן זײַנען געווען קאָלאָנעס. בײַם אַרײַנגאַנג — צוויי שטיינערנע לייבן. מען האָט זיי געפירט איבער אַ סך צימערן, ביז זיי זײַנען געקומען צום באַלעבאָס פון פּאַלאַץ.

פּיערלעאָני האָט גענומען אלחננען אויף די קני און אָנגעהויבן מיט אים צו ריידן. ער האָט אים געפרעגט וועגן דעם וועג וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, וועגן די זאַכן וואָס ער האָט געזען. ער האָט געהאַט אַ רונדע געשאָרענע באָרד מיט אַ ביסל ווײַסע פעדעם צווישן די שוואַרצע האָר.

— „האָסט אַ טײַער קעפּל", — האָט ער נאָך דעם צו אים געזאָגט און פּאַטער פעליקס האָט געשײַנט פון גליק — „דו וועסט בלײַבן בײַ מיר. אין איין צימער וועט וואוינען פּאַטער פעליקס און אין צווייטן וועסטו זײַן. דו וועסט קריגן נײַע קליידער און נײַע שיך. וואָס דו וועסט וועלן — זאָג מיר, און דו וועסט עס קריגן".

נאָך דעם האָט דער באַלעבאָס גערעדט מיטן פּאַטער פּע-

ליקס. ער האָט זיך באַרימט מיט זײַן רײַכקייט און מיט זײַן דעה אין רוים:

— „ווען ניט איך" — האָט ער געזאָגט — „וואָלט דער פּויפּס קיין איין טאָג ניט געקענט בלײַבן אין רוים. די אַדללײַט פון רוים האַלטן מיטן קיסער און זיי זײַנען קעגן פּויפּס, אָבער איך, מיט מײַנע פרײַנד, מיט מײַנע מענטשן, איך שטיץ דעם פּויפּס".

און פון יענעם טאָג אָן איז אלחנן געבליבן אין פּאַלאַץ. אַ דינער האָט געהאָלפן אים זיך אויסטאָן און זיך אָנטאָן. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין טײַערע קליידער און געהאַט אַרום זיך זייער שיינע זאַכן. דעם פּאָטער פעליקס האָט ער געזען אַ סך וויניקער ווי פריִער. נאָר צוויי - דרײַ שעה אַ טאָג זײַנען זיי געווען אין איינעם, ווען דער אַלטער פרײַנד זײַנער האָט מיט אים געלערנט. די איבעריקע צײַט איז ער געווען אין דער פאַמיליע פּיערלעאָני. געגעסן האָט ער בײַ זייער טיש. אַ סך מענטשן פלעגן זײַן אַרום טיש, אַלע קינדער פון דעם באַלעבאָס און אַ סך פרײַנד זײַנע.

ער האָט אָפט זיך געשפּילט מיט דער ייִנגסטער טאָכטער. זי איז געווען אַ ביסל עלטער פון אים. געהייסן האָט זי טראַפּעאַ.

יח. אַ געשפּרעך.

„דו האָסט אַזאַ מאָדנעם נאָמען", — זאָגט צו איר איין מאָל אלחנן.

— „ניין, — ענטפערט טראַפּעאַ — „דײַן נאָמען איז אַ מאָדנער. איך קען דיך ניט רופן מיט אַזאַ לאַנגן נאָמען. מען האָט מיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז איך זאָל דיך רופן פּעטרוס".

— „דו זאָלסט מיך ניט רופן פּעטרוס, דו הערסט ? !"

— „איך וועל דיך רופן פּעטרוס, אַניט וועל איך זיך ניט שפּילן מיט דיר".

— „איך וועל וויינען אַז דו וועסט מיך רופן פּעטרוס... איך וויל ניט..."

— „נאָר קליינע מיידעלעך וויינען. איך וויין שוין אויך ניט. און דו ביסט אַ יינגל".

— „אָבער איך בין אַ ייִד און אַ ייִד הייסט ניט אַזוי. איך האָב אַ נאָמען וואָס דער טאַטע האָט מיר געגעבן".

— „אָבער מײַן טאַטע זאָגט אַז דו בלײַבסט בײַ אונדז און דו וועסט זײַן מײַן ברודער".

— „איך וויל ניט זײַן דײַן ברודער!"

— „גיי, דו ביסט אַ שלעכטער. דו ווילסט זיך ניט שפּילן מיט מיר?"

— „איך וויל זיך שפּילן מיט דיר, אָבער איך וויל ניט זײַן דײַן ברודער. און איך וועל באַלד אַוועקפאָרן פון דאַנעט".

— „וועל איך וויינען! איז דיר דאָ שלעכט?"

— „מיר איז דאָ זייער גוט, אָבער איך וויל זײַן בײַ טאַטע-מאַמע און איך וויל לערנען תּורה. דו ווייסט, וואָס איך וועל ווערן? איך וועל זײַן אַ רבֿ".

— „און איך האָב געהערט, ווי מען האָט בײַ אונדז גערעדט אַז דו וועסט ווערן אַ קאַרדינאַל און אפשר גאָר אַ פּויפּס!"

— „איך — אַ פּויפּס?! איך בין דאָך אַ ייִד. איך האָב זיך ניט געשמדט ווי דײַן זיידע!"

— „דו ביסט אַ שלעכטער און אַ ליגנער אויך! מײַן זיידע איז ניט געווען קיין ייִד. איך האָב אַזאַ זאַך קיין מאָל ניט געהערט".

— „און איך ווייס אַז איר אַלע דאָ שטאַמט פון ייִדן. פּאַטער פעליקס האָט עס אַליין געזאָגט. דײַן זיידע האָט זיך געשמדט און מײַן פּאָטער איז אַ רבֿ... אָבער וואָס וויינסטו? וויין ניט! איך וועל עס מער ניט זאָגן... וויין ניט, טראַפּעאַ!"

און מיט אויגן, פארלאפענע מיט טרערן, האט די מיידל זיך געבעטן:

—„בלייב דא, בלייב דא אויף אלע מאל, בלייב דא, פעטרום!“

ים. א בריוו.

אלחנן לעבט שוין אין פאלאץ פון פיערלעאני גאנצע דריי חדשים. ער איז שוין אזוי ווי אן אייגענער. מע רופט אים פעטרום — און ער רופט זיך אפ. אנגעהויבן האט עס זיין חברטע, טראפעא, און נאך איר האבן בישלעכווייז אלע אנדערע אים אזוי גערופן. דער איינציקער וואס רופט אים מיטן אלטן נאמען איז דער פאטער פעליקס.

און דער פאטער פעליקס איז אויך דער איינציקער, וואס אלחנן דערמאנט אים וועגן מיינץ און וועגן פארן אהין. אבער אלחנן דערמאנט עס אליין זעלטענער און זעלטענער.

עס איז ווידער פרילינג. איז עס ניט פסח-צייט איצט? אפשר איז עס גאר די נאכט פון סדר? אלחנן שלאפט איין זייער אן אומרואיקער. חלומט זיך אים:

ער איז א שטומער. ער וויל דערציילן אלעמען אז ער איז א ייד, אבער ער קען ניט ארויסברענגען קיין איין ווארט. ער דארף קומען אהיים, צו טאטע-מאמע. ער גייט אויף א לאנגן ווייטן וועג. ער גייט שוין וואכן און חדשים, און ער קומט נאך אלץ ניט אהיים. וויל ער וויסן צי ער גייט אויפן ריכטיקן וועג, אבער ער קען קיינעם ניט פרעגן. ער טרעפט מענטשן, ער שטעלט זיי אפ, ער וויל ארויסברענגען קלאנגען פון מויל — אבער ער איז שטום. די מענטשן קוקן אויף אים מיט רחמנות. זיי זיינען גרייט אים צו העלפן, אבער זיי ווייסן ניט, וואס ער וויל פון זיי. גייט ער אזוי און גייט, און די פיס זיינען אין וואונדן,

און די קליידער זײַנען צעריסן, און ער איז הונגעריק און דאָרש־טיק, און ער ווייס ניט, צי ער גייט כאַטש אויפֿן ריכטיקן וועג. ווייל ער בעטן גאָט, קען ער ניט אַרויסברענגען קיין שום געבעט. ווייל ער אינעווייניק אין זיך זאָגן אַ וואָרט פֿון געבעט, האָט ער פֿאַרגעסן אַלע תּפֿילות וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט. גייט ער ניט מער, נאָר ער לויפֿט. לויפֿט ער אַזוי און לויפֿט, ביז ער קומט צום סוף פֿון וועג, צו אַ טיפֿער, טיפֿער גרוב. אונטן פֿליסט אַ וואַסער, אַרום זײַנען פֿעלדזן, און נאָך דער גרוב ציט זיך ווײַטער דער וועג, אַ גלײַכער, אַ באַוואַקסענער מיטביימער. ער שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע בײַ דער גרוב. זאָל ער גיין צוריק? . . . ניין, ער מוז דאָך קומען אַהיים! שפּרינגט ער איבער דער גרוב, און ער פֿאַלט, און ער פֿאַלט — און ער כאַפּט זיך אויף.

אין שרעק איז אלחנן אויפֿגעשפּרונגען. באַמערקט ער גלײַך אויפֿן טיש לעבן בעט אַ בריוו! עס איז פֿון פֿאָטער פֿעליקס. פֿאַרוואָס שרײַבט אים פֿאָטער פֿעליקס? ער איז דאָך דאָ גלײַך אין צווייטן צימער!

מיט ציטערדיקע הענט עפֿנט אלחנן דעם בריוו. ער איז אויף לאַטײַן, וואָס אלחנן קען שוין איצט אַזוי גוט, און ער לייענט:

„מײַן ליב קינד, מײַן טײַערער תּלמיד אלחנן!

„מיר איז זייער שווער דיר צו שרײַבן דעם דאָזיקן בריוו, אָבער איך מוז עס טאָן. מיט דער צײַט וועסטו מיך פֿאַרשטיין און וועסט ניט טראָגן אין האַרצן קיין שׂנאה צו מיר וואָס איך פֿאַרלאָז דיך. איך האָב געמוזט אַוועקפֿאָרן פֿון רוים. אַזוי האָט באַפֿוילן דער הייליקער פֿאָטער. איך פֿאָר צוריק אַהיים אין קלויסטער וואו איך האָב דיך אויסגעהיילט. דו וועסט בלײַבן דאָ, דו וועסט זײַן אַן אמתער זון פֿון דעם פֿײַנעם און האַרציקן פּיער־לעאָני. אַזוי איז עס באַשערט, און איך בין זיכער אַז דו וועסט זײַן גליקלעך. דו וועסט ווערן אַ גרויסער מענטש, אַ גרויסער געלערנטער. ווען דו וועסט ווערן אַ קאַרדינאַל, אָדער גאָר אַ

פויפס, ווּעסטו זיכער אויפטאָן אַ סך מער, ווי ווען עס וואָלט קיין זאַך ניט געטראָפן מיט דיר. דו ביסט דאָך אַזאַ קלוגער, טאַ נעם אָן רואיק און ניט ווי אַ קינד דאָס לעבן דאָס, דאָס לעבן ווי פעטרוס פיערלעאַני. איך האָב זיך ניט געזעגנט מיט דיר, ווייל איך האָב געוואָלט דיר פאַרשפּאָרן איבעריקע טרערן. איך קוש דיך און איך בעט גאָט, מײַנע אויגן זאָלן דיך נאָך זען, ווען דו וועסט הערשן איבער רוים.

פּאַטער פעליקס".

כ. פיערלעאָנים זון.

אלחנן פילט, ווי עס ציטערן אים די הענט וואָס האַלטן דעם בריוו. יאָ, דער וועג אַהיים האָט זיך איבערגעריסן. יאָ, ער איז געשפרונגען און געפאַלן...

אַ גאַנצן טאָג ליגט ער אין בעט און וויינט. ער פאַר־יאָגט דעם דינער, וואָס איז געקומען אים העלפן זיך אָנטאָן. ער ענטפערט ניט פיערלעאָנין, וואָס איז געקומען צו אים אין צימער און געוואָלט ריידן מיט אים. עס קלאַפּט אין טיר טראַפּעאַ און בעט אים אַרויסקומען. אָבער ער ליגט אומבאַוועגלעך אויפן בעט.

אין אָוונט האָט ער אָבער באַמערקט אין פּאַלאַץ אַן אומ־געוויינלעכע באַוועגונג. מע שרײַט און מע לויפט. עס קלאַפּן טירן, עס הערן זיך געוויינען. נאָך דעם איז געוואָרן גאָר גאָר שטיל. עפּעס האָט פּאַסירט!

אלחנן טוט זיך אָן. ער גייט שטיל פון איין צימער אין צווייטן. ער קומט אין דעם גרויסן זאַל. אַ סך ליכט ברענען. עמעצער ליגט איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך. עס שטייען און זיצן די גאַנצע משפחה פיערלעאָני. שטיל וויינען די פרויען. בייזע פאַרגליווערטע פּנימער האָבן די מענער.

וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

אלחנן רוקט זיך אומבאַמערקט אַרוים. שטויסט ער זיך אָן אויף זײַן דינער. וואַרט ניט דער דינער אויף קיין פֿראַגעס, ער גייט מיט אים אַרײַן אין אַ זײַטיקן צימער און ער דערציילט:

די לעצטע עטלעכע וואָכן האָט זיך דער אַלטער קריג צווישן דער משפּחה פּיערלעאָני און דער משפּחה פֿראַנדזשיפּאַני צע־פֿלאַקערט פֿון דאָס נײַ. די משפּחה פּיערלעאָני איז פֿאַרן פּויפּס, די משפּחה פֿראַנדזשיפּאַני איז קעגן דעם פּויפּס. ווען עס טרעפֿן זיך מענטשן פֿון דער משפּחה פּיערלעאָני מיט זייערע שׂונאים און קאָנקורענטן פֿון דער צווייטער שטאַרקער משפּחה אין רוים, הייבט מען זיך אָן צו שלאָגן. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָבן פּיער־לעאָנים אָנהענגערס דערהרגעט איינעם פֿון דער משפּחה פֿראַנ־דזשיפּאַני. יענעם געשלעג, וואָס האָט זיך געענדיקט אַזוי בלו־טיק, האָט גראָד אָנגעפֿירט פּיערלעאָנים עלטסטער זון, אַלבער־טוס. הײַנט אין דער פֿרי זײַנען פֿראַנדזשיפּאַנים באַפֿאַלן דעם יונגן פּיערלעאָני, ווען ער איז גראָד געווען איינער אַליין אויף אַ זײַטיקער גאַס, און האָבן אים דערשטאָכן.

אלחנן איז ווידער אַרײַן אין זאַל מיט די ליכט און מיט דעם „עמעצן". די ערשטע האָט אים באַמערקט די וויינענדיקע טראַפּעאַ. זי איז צוגעלאָפֿן צו אים. זי האָט אים אָנגענומען פֿאַר דער האַנט און צוגעפֿירט צו איר פֿאָטער און מוטער. טראַפּעאַס מוטער האָט אים אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און אירע טרערן זײַנען געפֿאַלן אויף זײַנע האָר. טראַפּעאַס פֿאָטער האָט אים אַרויפֿגענומען אויף די קני.

צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן האָט אלחנן דערפֿילט אַז ער איז אַ פּיערלעאָני.

כא. דער פויפס וואָס באַהאַלט זיך.

די פיערלעאַנים האָבן ניט געשוויגן. מען האָט זיך גע־שלאָגן אין די גאַסן. עס זײַנען געפאַלן אַנהענגערס פון דיביידע משפחות.

אָבער די פראַנדזשיפּאַנים האָבן געהאַט די אייבערהאַנט. און אַזוי ווי דער פויפס איז אָפן געווען אויף דער זײַט פון זײַנע שטענדיקע אונטערשטיצערס, האָט זיך דער קריג זייער שלעכט געענדיקט פאַרן פויפס. ער האָט געמוזט פאַרלאָזן זײַן רעזידענץ, ווײַל ער אַליין האָט אויך מורא געהאַט פאַר מערדערס. און איין מאָל בײַנאַכט איז ער געקומען אין פּאַלאַץ פון די פיער־לעאַנים. דאָרטן איז ער געבליבן אַ לענגערע צײַט.

ווען אלחנן האָט דאָס ערשטע מאָל געזען דעם פויפס, איז יענער געווען אַזאַ ווײַטער און אַזאַ גרויסער. דער זאַל אין וועלכן ער איז געזעסן, דער טראָן, דער לאַנגער רויטער מאַנטל — דאָס אַלץ האָט געוואָרפן אַ שרעק. איצט האָט מען זיך ניט געדאַרפט דערנענטערן צו אים, קריכנדיק אויף די קני. איצט האָט אים... פעטרוס פיערלעאָני געזען אַזוי אָפט און אַזוי נאָ־ענט. דער פויפס איז געווען אַן אַלטער, אַ צעשראָקענער מאַן, און דער „פאָטער" פיערלעאָני איז אין פאַרגלײַך מיט אים געווען אַזוי שטאַרק און זיכער בײַ זיך. אלחנן האָט רחמנות געקריגן אויפן פויפס. אָ, אַז ער וועט זײַן אַ פויפס, וועט ער זיי אַלעמען ווײַזן, די קיניגן פון דײַטשלאַנד און די פאַרשאָלטענע פראַנדזשי־פּאַנים!...

אַזוי האָט אלחנן געטראַכט און ער האָט זיך אַליין פאַר־שעמט. איז ער שוין טאַקע אוים אלחנן? איז ער אויף צום אמתן פעטרוס פיערלעאָני?

און דער פּויפּס, וואָס האָט געוואוסט ווער עס איז דער יונ־גער פּעטרוס, איז געווען זייער גוט צום ייִנגל. ער האָט ליב גע־האָט מיט אים צו ריידן און אים צו דערציילן וועגן דעם גרויסן פּויפּס גרעגאָר דעם זיבעטן. ער איז ניט געווען אַזוי גוט ווי פּאָטער פּעליקס, אָבער ער האָט געוואוסט מער ווי פּאָטער פּע־ליקס. און דער פּויפּס האָט אויך גערעדט מיט אים וועגן ייִדן. און פון איין זאַך האָט אלחנן הנאה געהאַט:

דער פּויפּס האָט אים געזאָגט: „ייִדן זײַנען אייביק, זיי וועלן אייביק בלײַבן!"

— „פאַרוואָס צווינגט איר ייִדן, זיי זאָלן אַוועקוואַרפן זייער גלויבן?" — האָט אלחנן געפרעגט.

— „ניט אמת," — האָט דער פּויפּס געענטפערט, — „אמתע קריסטן טוען עס ניט, דאָס טוען נאָר באַרבאַרן, ווילדע מענטשן, וואָס מיינען אַז זיי זײַנען קריסטן".

אלחנן האָט זייער געוואָלט אַ פרעג טאָן וועגן זיך, אָבער ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי צו פרעגן. אַנשטאָט דעם האָט ער פּלוצעם געפרעגט גאָר אַ זײַטיקע זאַך: — „איז דאָס אמת, אַז ראָמולוס האָט אַרומגערינגלט די שטאָט רוים מיט אַ מויער, ווײַל ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם ייִדישן קיניג דוד?"

— „קען זײַן אַז דאָס איז אמת," — האָט דער אַלטער מאַן געענטפערט, און ער האָט אים גענומען דערציילן, אַז עס זײַנען פאַראַן צוויי אייביקע שטעט: ירושלים און רוים.

און געענדיקט האָט ער:

— „איך מיין אַז ירושלים דאַרף איצט ראַטעווען רוים!"

כב. ערב גרויסע געשעענישן.

אלחנן האָט די מאָדנע ווערטער ניט פאַרשטאַנען, אָבער זיי זיינען געבליבן בײַ אים אין קאָפּ און ער האָט זיך דערמאָנט וועגן זיי שפּעטער.

די פּיערלעאָנים האָבן ווידער די אייבערהאַנט אין רוים, און דער פּויפּס איז ווידער אין זײַן גאַנצער מאַכט. און איצט גרייט צו דער פּויפּס אַ גרויסן פּלאַן. בײַ די פּיערלעאָנים שמו־עסט מען אָפט וועגן אָט דעם פּלאַן. עס רעדט זיך וועגן אַ היי־ליקער מלחמה קעגן די מוכאַמעדאַנער. די קריסטן זאָלן אײַנ־נעמען דאָס הייליקע לאַנד, זאָלן האָבן אין זייערע הענט די הייליקע שטאָט ירושלים, דער פּויפּס זאָל אָנפירן די מלחמה, דער פּויפּס זאָל דורך דעם ווערן גרויס און שטאַרק.

פּעטרוס פאַרשטייט שוין וואָס עס האָט באַטײַט: „ירו־שלים דאַרף איצט ראַטעווען רוים!" דער אַלטער פּויפּס טוט אַלץ וואָס ער קען, אַז די קריסטן זאָלן ווערן אויפגערודערט. מען טראַכט אויס פאַרשיידענע מעשׂיות, אַז די מוכאַמעדאַנער פּײַניקן די קריסטן און לאָזן זיי ניט צו צו קריסטוסעס קבֿר. און דער אַלטער פּויפּס איז גאָר אַליין געפאָרן אַזוי ווײַט, אַזש אין קלער־מאָן, וואָס איז אויף יענער זײַט אַלפּן, און ער האָט דאָרטן פאַר אַ גרויסן צוזאַמענפאָר פון קריסטן גערופן צו אַ מלחמה, צו אַ קרייצצוג, צוצונעמען דאָס הייליקע לאַנד פון די מוכאַמעדאַנער.

אין מיטן פון די צוגרייטונגען איז דער פּויפּס געשטאָרבן. דער נײַער פּויפּס האָט ווײַטער געפירט די זעלביקע אַרבעט, געגרייט דעם קרייצצוג.

עס איז אַוועק נאָך אַ יאָר. די געשעענישן זײַנען געקומען. גרויסע אַרמייען קריסטן גייען אײַננעמען דאָס הייליקע לאַנד.

פעטרוס פיערלעאַני ווייסט וועגן אַלץ. ער איז דאָך שוין ניט קיין קלייניקער, ער איז שוין צוועלף יאָר אַלט. און קענען קען ער מער ווי אַ סך גרויסע. און קיין זאַך באַהאַלט מען ניט פון אים. טאָ וואָס האָט מען די לעצטע צײַט אָנגעהויבן ווידער צו האָבן סודות פון אים? ער ווייסט אַז וועגן געוויסע נײַסן רעדט מען אין דער שטיל, ער זאָל ניט הערן. ער האָט באַמערקט אַז מען האָט אַ פּאָר מאָל איבערגעריסן אַ שמועס, ווען ער איז אַרײַן. וואָס קומט דאָ פֿאָר?

ער האָט געוואוסט אַז דער פּויפּס קריגט עפּעס אַזעלכע באַריכטן, וואָס גראָד וועגן זיי וויל מען ניט ריידן, ווען ער איז דערבײַ. פאַרוואָס? וואָס קען זײַן אין די באַריכטן? — האָט ער געפרעגט דעם פאָטער, אָבער ער האָט קיין ענטפער ניט געקריגן.

ווי דערגייט מען דעם אמת? אפשר ווייסט טראַפּעאָ? זי וועט אים אַלץ זאָגן! אָבער טראַפּעאָ האָט נאָר געזאָגט: „אַך, עס איז שרעקלעך, שרעקלעך!" און זי האָט זיך צעוויינט.

ער מוז דערגיין וואָסערע שרעקלעכע נײַסן דאָס זײַנען!

כג. אַליין בײַנאַכט אין לאַטעראַן

ער ווייסט גוט די צימערן פון לאַטעראַן. ער ווייסט וואו מען האַלט אַלע דאָקומענטן, אַלע באַריכטן וואָס זײַנען אָנגעקומען די לעצטע צײַט. ער ווייסט אויך וואו עס שטייען די וועכטער בײַנאַכט. ער וועט שוין זיך דערשלאָגן צו די נײַסן!

עס איז אַ ליכטיקע זומערדיקע נאַכט. עס איז שטיל. די גאַסן זײַנען ליידיק. די גרויסע טויערן פון לאַטעראַן זײַנען פאַרשלאָסן, אָבער אַ קליין טויערל איז אָפן. די נאַרישע וועכטערס זיצן אין אַ זײַט און דערציילן זיך מעשיות אָדער זיי שפּילן אין

ביינדלעך. זיי באַמערקן ניט דעם ייִנגל וואָס האָט זיך צוגערוקט ביז צום טויערל. אַט שלײַכט ער זיך דורך. אַט לויפֿט ער דורכן הויף. ער ווייס זייער גוט דעם וועג. די ביימער פֿאַרדעקן אים מיט זייער שאָטן. ער איז שוין בײַ אַ טיר. אָבער דאָ איז פֿאַר־שלאָסן דער אַרײַנגאַנג!

ער רוקט זיך לענג־אויס דער וואַנט. אַט איז אַ פֿענצטערל אָפֿן. ווי אַ קאַץ קריכט דער ייִנגל אויף דער שטיינערנער וואַנט, אָבער ווײַטער איז די וואַנט גלאַט. ער כאַפּט זיך אָן אַן אַ צווײַג פֿון אַ בוים וואָס שפּאַרט זיך אַרײַן מיט זײַנע צווײַגן אין פֿענצ־טערל אַרײַן. ער וועט אַ שפּרונג טאָן! און אַט האַלט שוין איין האַנט דעם ראַנד פֿון פֿענצטערל און אַט איז ער שוין אינעווייניק.

ער קען דאָס צימער. איצט דאַרף ער עפֿענען אַ טיר רעכטס, און אַט איז ער שוין דאָרטן וואו מע האַלט אַלע דאָקו־מענטן.

אַט שטייען אַלמערס. ער וויל עפֿענען — זיי זײַנען פֿאַר־שלאָסן. פּרוּווט ער איין אַלמער נאָכן צווייטן. אַט איז אַן אָפֿענער אַלמער. יאָ, דאָ זײַנען פֿאַראַן די דאָקומענטן וואָס זײַ־נען אָנגעקומען ניט לאַנג צוריק.

די לבנה שײַנט אַרײַן. סאַראַ גוטע לבנה! אַט האָט ער דאָך וואָס ער דאַרף!

ער געפֿינט אַ באַריכט פֿון דער שטאָט וואָרמס. דעם באַ־ריכט האָט צוגעשיקט דער בישאָף פֿון וואָרמס אַדאַלבערט...

מען איז באַפֿאַלן די ייִדן וואָס מען האָט געפֿונען אין זייערע הײַזער און מען האָט זיי אויסגעקוילעט. מען האָט אויסגערויבט די ייִדישע הײַזער און נאָך דעם זיי אונטערגעצונדן. ווען ייִדן האָבן געזען אַז זיי האָבן קיין האָפֿענונג ניט צו אַנטלויפֿן און זיי קענען זיך ניט אַנטקעגנשטעלן — האָבן זיי זיך אַליין געטייט, זיי זאָלן ניט אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון די קרייצפֿאַרערס...

דער בישאָף האָט באַהאַלטן ייִדן אין זײַן פּאַלאַץ. דער וויל־

דער המון האָט באַלאַגערט דעם פּאַלאַץ. ווען ייִדן האָבן געזען אַז זיי קענען ניט אַרויס און אַז די וואַך פון פּאַלאַץ וויל זיי ניט פאַרטיידיקן, האָבן אַ סך זיך אַליין גענומען דאָס לעבן. די איבעריקע זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן. אין גאַנצן זיינען אומגעקומען איבער 800 ייִדן...

און דאָ איז אַן אַנדער דאָקומענט, אַ באַריכט פון דער שטאָט שפּייער... ווידער בלוט, רציחה, שרעקלעכע, שרעקלעכע זאַכן... די ייִדן שרייען „שמע ישראל", און „שמע ישראל" שעפּטשען דעם ייִנגלס ליפּן.

און דאָ איז נאָך אַ באַריכט. פון בישאָף ראַטהאַרט, פון מיינץ!

כד. 1,014 ייִדן פון מיינץ

מיט ברענעדיקע אויגן האָט פּעטרוס זיך איינגעגעסן אין דעם דאָקומענט:

די ייִדן פון מיינץ האָבן פון דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אַנדערע שטעט געוואוסט, ווי אַזוי די קרייצפאָרערס באַגייען זיך מיט ייִדן. דערשראָקענע, מיט אַ סך מתנות אין די הענט, זיינען זיי געקומען צום בישאָף און געבעטן הילף. דער בישאָף נעמט צו די מתנות און זאָגט זיי צו די הילף. ווען די קרייצפאָרערס זיינען געקומען צו דער שטאָט מיינץ, האָבן זיי געפונען די טויערן געשלאָסן, און אויף די ווענט פון דער שטאָט איז געשטאַנען די וואַך און צוזאַמען מיט איר באַוואָפנטע ייִדן. צוויי טעג האָבן די קרייצפאָרערס אומזיסט געפּרוּווט אַריינקומען אין דער שטאָט. מיט גוטן האָט מען זיי ניט אַריינגעלאָזן, און מיט געוואַלט האָבן זיי זיך ניט געקענט אַריינרייסן.

אָבער די דריטע נאַכט זיינען זיי אַריין! עס האָבן זיך געפונען קריסטן וואָס האָבן אין געהיים זיי געהאָלפן. אַזוי ווי דעם

הויפּט-טויער האָבן געהיט יידן, האָט מען די קרייצפאָרערס אַרײַנ-געלאָזן בײַנאַכט, געהיים, דורך צוויי קליינע זײַטיקע טויערן. פון אינעווייניק זײַנען זיי באַפאַלן די יידן וואָס האָבן געהיט די שטאָט. די שטאָטישע וואַך האָט ניט געהאָלפן די יידן. די יידן זײַנען געווען זייער העלדיש, אָבער זיי זײַנען געווען קליין אין צאָל און ניט גוט באַוואָפנט, און מען איז זיי באַפאַלן פון הינטערן רוקן.

ווען די יידן האָבן געזען אַז זיי האָבן פאַרשפּילט, האָבן אַ טייל זיך אַליין גענומען דאָס לעבן, די איבעריקע זײַנען אומ-געקוילעט געוואָרן. נאָר איינער האָט זיך געשמדט, כּדי זיך צו ראַטעווען. אָבער אַ טאָג שפּעטער האָט ער חרטה געהאַט, איז אַוועק אין שול און האָט אונטערגעצונדן די שול, זי זאָל ניט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די קריסטן. ער איז פאַרברענט געוואָרן. די שׂרפה האָט זיך פון דער שול אַריבערגעכאַפּט אויף אַנדערע הײַזער און עס האָט אָפּגעברענט אַ טייל שטאָט.

53 פון די חשובע יידן אין מײַנץ, צוזאַמען מיט דעם פירער זייערן קאַלאָנימאָס, האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט און זיך באַ-האַלטן אין רודעסהיים, געשיצט פון דעם בישאָף. אָבער די קרייצפאָרערס האָבן זיך דערוואוסט וואו זיי זײַנען און זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם שלאָס. דער בישאָף האָט געזען אַז די יידן זײַנען פאַרפאַלן, האָט ער געוואָלט זיי צוריידן, אַז זיי זאָלן זיך שמדן און בלײַבן לעבן. אָבער ווען דער בישאָף האָט מיט דעם אָנבאָט זיך געווענדט צו קאַלאָנימאָס, איז ער אים באַפאַלן און געוואָלט אים טייטן. דעם בישאָפס מענטשן האָבן דערהרגעט קאַלאָנימאָסן און די קרייצפאָרערס האָבן געטייט די איבעריקע יידן.

דער לאַנגער באַריכט ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „אַ קליינע צאָל יידן זײַנען אַנטלאָפן, די אַלע איבעריקע האָט מען אויסגעהרגעט. עס איז ניט פאַרבליבן, ווער עס זאָל באַגראָבן די טויטע. האָבן מײַנע מענטשן אויסגעציילט זייער צאָל, און עס

איז געווען אין גאַנצן 1,014 — מענער, פרויען און קינדער. מיר האָבן זיי באַגראָבן אין ניַין גרויסע קברים."

אלחנן האָט געהאַט גענוג כּוחות דורכצולייענען דעם באַריכט ביזן סוף. ער האָט ניט באַמערקט, אַז דער נאָמען פון דעם ייִדישן פירער איז גאָר אַן אַנדערער, ניט זיַין פאָטערס נאָמען. דאָס פּאַפּיר האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיַינע הענט, ער איז געפאַלן צו דער ערד...

אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט מען אים געפונען ווי ער איז געלעגן אַ געחלשטער. ווען מען האָט זיך דערוואוסט, ווער ער איז — האָט מען אים געבראַכט צו טראָגן אין דעם פּאַלאַץ פון די פּיערלעאַנים.

כה. טראַפּעאַ, שוועסטער מיַינע!

ווען אלחנן האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערזען לעבן זיך טראַפּעאַן. ער האָט גענומען איר האַנט און שטיל, אַרויסגערעדט: „טראַפּעאַ, שוועסטער מיַינע!" — און זיך באַגאַנגען מיט טרערן. טראַפּעאַ האָט אויך געוויינט. דער דינער בײַ דער טיר האָט זיך געווישט די אויגן.

אַ פּאָר טעג איז פּעטרוס געלעגן אין בעט. ער האָט ניט געוויינט, אָבער עס פלעגט אים יעדע וויַילע זייער קאַלט ווערן, און ער האָט ניט געהאַט קיין כּוח זיך אויפצוהייבן פון בעט. טראַפּעאַ איז די גאַנצע ציַיט געזעסן לעבן אים.

ווען ער איז אַרויס פון בעט, האָט אים דער פּאָטער אַריַינגערופן צו זיך און געזאָגט:

— „איצט האָבן מיר מער ניט וואָס צו באַהאַלטן פון דיר. דו ווייסט דעם גאַנצן אמת. דו זעסט איצט, אַז דו האָסט שוין

ניט צו וועמען צו פאָרן צוריק. דו ביסט מײַן זון, וואָס וועט מיר פאַרבײַטן אויף שטענדיק דעם געהרגעטן. איך בין דײַן פאָטער, וואָס וועט דיר פאַרבײַטן אויף שטענדיק דעם אומגעקומענעם. קיינער וועט ניט וויסן דײַן סוד. דער פאָטער פעליקס איז פאַרשוואונדן, דער פויפס לעבט ניט מער, און דעם דינער, וואָס ער ווייסט צו פיל, וועל איך אַוועקשיקן גאָר ווײַט פון דאַנעט. וואָס עס וועט ניט געשען מיט דיר, וועט עס אַלץ פּאַסירן מיט פּעטרוס פּיערלעאָני!"

פּעטרוס האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרומגענומען זײַן פאָטער. ער האָט דערבײַ געטראַכט: אַלחנן וואָלט דאָך געווען טויט, אויב ער וואָלט געבליבן אין מײַנץ. דער וואָס לעבט איז טאַקע פּעטרוס פּיערלעאָני. די זעלביקע זאַך האָט ער געטראַכט בײַנאַכט, ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, און דער אַלטער דינער איז שוין ניט געווען. און נאָך אַ זאַך האָט זיך אים געטראַכט, און ער איז דערבײַ רויט געוואָרן פון פאַרשעמען זיך פאַר זיך אַליין: „טראָפּעאַ, שוועסטער מײַנע!"...

יאָרן זײַנען נאָך דעם גיך אַוועק. פּעטרוס איז שוין אַכצן יאָר אַלט. ער איז זייער אַ געלערנטער. אין רוים האָט ער שוין ניט בײַ וועמען זיך צו לערנען און דער פאָטער וויל אַז ער זאָל פאָרן קיין פראַנקרײַך, ער זאָל זיך לערנען בײַם באַרימטן געלערנטן אַבעלאַר און ווערן אַ מאָנאַך.

פּעטרוס פאָלגט אַלץ וואָס דער פאָטער הייסט אים, אָבער אים ווילט זיך ניט ווערן אַ מאָנאַך. ער האָט אַזוי שטאַרק ליב טראָפּעאַן! ער איז אויסגעוואַקסן מיט איר אין איינעם, זי האָט זיך מיט אים געשפּילט, זי האָט אים געטרייסט אין די שווערסטע מינוטן פון זײַן לעבן. ווענן איר טראַכט ער איצט: זי איז אַזוי שיין!

אָבער ווי קען ער גאָר קלערן וועגן איר? בײַ מענטשן אין די אויגן איז זי דאָך זײַן שוועסטער. און פּעטרוס קלערט איצט גאַנצע נעכט, ווי ווערט מען איצט ווידער אוים פּיערלעאָני?

ווי מאַכט מען אַזוי, אַז ער זאָל קענען האַפּן כאַטש, אַז זי וועט ווען עס איז ווערן אוים שוועסטער?

ער שלאָפט ניט, אָבער ס׳העלפט ניט. פּעטרוס האָט זייער אַ גוטן קאָפּ, אָבער ער קען זיך ניט דערטראַכטן צו קיין שום פּלאַן. דערווײַל ווייסט ער, אַז מע רעדט טראָפּעאַן שידוכים. פּיערלעאָני אָבער אײַלט זיך ניט, כאָטש טראָפּעאַ איז שוין באַלד צוואַנציק יאָר אַלט. דער פאָטער האָט געוואַרט אויף אַ גאָר ווױכטיקן חתן. איצט איז דאָ אַזאַ חתן, ווי עס פּאַסט פאַר די פּיערלעאָנים. דאָס איז דער יונגער קיניג ראָדזשער פון סיציליע.

טראָפּעאַ וויל ניט ווערן אַ קיניגין. זי וואָלט בעסער גע־וואָלט... אָבער ווי קען זי? ער איז דאָך איר ברודער! און אָט קומט דער מאָרגן, ווען זי דאַרף מיט דער באַגלייטונג פון אַ סך דינערס און קרובים פאָרן קיין סיציליע, ווערן די ווײַב פון דעם קיניג ראָדזשער. טראָפּעאַ קען ניט שלאָפן די לעצטע נאַכט אין דעם פּאַלאַץ, וואו זי איז געבוירן געוואָרן און זי האָט אָפּגעלעבט אַלע אירע מיידלשע יאָרן. עס איז אַ שטילע פרילינגדיקע נאַכט.

זי הייבט זיך אויף פון בעט, טוט עפּעס אָן אויף זיך און מיט שטילע טריט גייט זי אַרײַן אין גרויסן גאָרטן. זי גייט איבער דעם נאַסן גראָז, אַזוי ווי אין אַ חלום. פון דער ווײַטן דערזעט זי אַ פיגור פון אַ מענטשן וואָס זיצט אײַנגעבויגן אויף אַ באַנק. דאָס האַרץ זאָגט איר ווער דאָס איז. זי לויפט גיך צו. דער וואָס זיצט הערט ניט אירע טריט; ער הייבט ניט אויף דעם קאָפּ. זי נעמט אַרום דעם אײַנגעבויגענעם קאָפּ און קושט.

פּעטרוס שפּרינגט אויף, ער נעמט אַרום די ציטערנדיקע טראָפּעאַ, ער קושט זי און זאָגט גאָר שטיל, מיט גרוים ווייטאָג:

— „טראָפּעאַ, שוועסטער מײַנע!"

טראָפּעאַ רײַסט זיך אַרוים און אַנטלויפט. אויף מאָרגן איז זי אַוועקגעפאָרן קיין סיציליע. אַ טאָג שפּעטער איז פּעט־רוס אַוועקגעפאָרן קיין פראַנקרײַך, אַ יאָר שפּעטער איז ער שוין געוואָרן אַ מאָנאַך אין דעם באַרימטן מאָנאַסטיר קליני.

כו. דער קאַרדינאַל פון טראַפּסטעווערע

די קאַריערע פון פּעטרוס פּיערלעאָני איז געווען אַן אויסער־געוויינלעכע. פון יאָר צו יאָר איז ער געשטיגן אויף דעם לייטער פון דער קאַטוילישער קירך. עס האָט געשטעקט אַ כּוח אין דעם נאָמען פּיערלעאָני. און פּעטרוס אַליין איז געווען מער געבילדעט ווי די איבעריקע גײַסטלעכע. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן קאָפּ, ער איז געווען זייער אַ פּעאיקער דיפּלאָמאַט, מען האָט אים געשיקט מיט וויכטיקע מיסיעס אין פאַרשיידענע לענדער. נאָר אין דײַטשלאַנד איז אים נאָך ניט אויסגעקומען צו זײַן. נאָך אַ ריי מיט יאָרן אין פאַר־שיידענע ערטער איז ער ווידער אין דעם פּאַלאַץ פון די פּיער־לעאָנים. ער איז אַ גרויסער גאַסט און דער אַלטער פּיערלעאָני שפּיגלט זיך אין אים.

אָבער פּעטרוס איז געקומען ניט אין קיין גוטער צײַט. עס איז זייער אומרואיק אין רוים. דער פּרעפעקט פון שטאָט איז גע־שטאָרבן. האָבן די פראַנדזשיפּאַנים צונויפגעקליבן אַ גרופּע אַדל־לײַט און זיי האָבן באַשטימט, אַז דער יונגער זון פון געשטאָר־בענעם וועט איצט זײַן דער פּרעפעקט. אָבער די פּיערלעאָנים האָבן געוואָלט אויסקלײַבן פאַר דעם פּרעפעקט זייערן אַ קרוב. און דער פּויפּס האָט באַשטימט אַזוי ווי די פּיערלעאָנים האָבן גע־וואָלט. האָבן די פראַנדזשיפּאַנים אויפגעהעצט דאָס פאָלק, אַז דער פּויפּס נעמט צו אַלע רעכט פון די אײַנוואוינערס פון רוים. איז מען באַפאַלן דעם פּויפּס, ווען ער איז געווען אין קירך דעם צווייטן טאָג פּאַסכאַ. דער פּויפּס האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן. ווידער האָט זיך אַ פּויפּס באַהאַלטן בײַ די פּיערלע־אָנים. אָבער דער פּויפּס האָט געמוזט נאָכגעבן דעם פאָלק. די

פּיערלעאָנים זײַנען דאָס מאָל דורכגעפאַלן. דער פּרעפעקט איז געבליבן דער וואָס די פראַנדזשיפּאַנים האָבן געוואָלט.

כּדי ווי ניט איז צו פאַרגלעטן זײַן שולד פאַר די אַלטע פרײַנד, האָט דער פויפּס גלײַך נאָך דעם באַשטימט פּעטרוס פּיערלעאָני פאַר אַ קאַרדינאַל. ער איז געווען דער ייִנגסטער קאַרדינאַל פון דער קירך. זײַן אָפיציעלער נאָמען איז געווען „קאַרדינאַל פון טראַסטעווערע". און טראַסטעווערע איז גראָד יענער אָרט אין רוים, וואו עס איז געווען די ייִדישע גאַס, יענער אָרט פון וואַנעט עס שטאַמען די פּיערלעאָנים.

דער יונגער קאַרדינאַל האָט געקריגן אַ פאַראָרדענונג פון פויפּס צו פאָרן קיין דײַטשלאַנד מיט זייער אַ וויכטיקער מיסיע. מיט אַ שווער האַרץ האָט פּעטרוס זיך געלאָזט פאָרן אַהין. ווען ער איז געווען בײַם ברענער־דורכגאַנג האָט ער זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ער איז דאָ געווען מיט פאָטער פּעליקס און געקלערט: „דאָס פאָר איך אַהיים?"

כז. עפּעס אַ ייִד

דער קאַרדינאַל איז געפאָרן מיט זייער גרויס פּאַראַד. פון אַלע זײַטן זײַנען געווען רײַטערס אויף פערד וואָס האָבן אים געהיט. אַליין איז ער געפאָרן אין אַ גרויסער קאַרעטע, וואָס פיר פײַערדיקע פערד האָבן גרינג געיאָגט איבער די שטויביקע וועגן.

אין דײַטשלאַנד איז יעמאָלט געווען אַ מלחמה צווישן די פירשטן (וואָס האָבן געהאַלטן מיטן פויפּס) און דעם קיניג מיט זײַנע ריטערס. דער קאַרדינאַל איז געקומען קיין דײַטשלאַנד כּדי צו העלפן פירן דעם קאַמף קעגן דעם קיניג. ער האָט אײַנגערעדט אַ סך פירשטן, זיי זאָלן צושטיין צום פויפּס. מיט קלוגע עצות האָט ער געהאָלפן פירן די מלחמה קעגן דעם קיניג.

ווען דער קאַרדינאַל האָט געדאַרפֿט קומען קיין רעגנסבורג, האָט ער געהאַט אַרום זיך גאַר אַ גרויסע וואַך. אין דער געגנט זײַנען געווען אַ סך ריטערס וואָס האָבן געהאַלטן מיטן קיניג. דער שטאַרקסטער צווישן זיי איז געווען דער „ריטער פֿון רויטן פֿעלדז". מען האָט דערציילט דעם קאַרדינאַל, אַז אָט דער ריטער, זייער אַ גראָבער און אַ בייזער, האָט זיך געריממט — ער וועט פֿאַרכאַפּן דעם קאַרדינאַל און וועט אים פֿאַרשפּאַרן בײַ זיך אין שלאָס, אויפֿן רויטן פֿעלדז.

דער קאַרדינאַל פֿאָרט אָבער רויִק אַרײַן אין רעגנסבורג. ער איז אָנגעטאָן אין זײַן ברייטן וויאָלעטן מאַנטל. די קאַרעטע איז באַפּוצט, טרומפּייטן שאַלן, פֿרומע קריסטן פֿאַלן אויף די קני. פּלוצלונג שטעלט זיך די קאַרעטע אָפּ. עס ווערט אַ טומל.

— „וואָס איז געשען?" — גיט אַ פֿרעג דער קאַרדינאַל.

— „איינער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אונטער די פֿיס פֿון פֿערד. די פֿערד האָבן אים שיער ניט צעטראָטן" — האָט געענטפֿערט אַ באַדינער.

— „ווער איז ער?" — גיט אַ פֿרעג דער קאַרדינאַל.

— „עפּעס אַ ייִד."

— „פֿון וואַנעט ווייסטו אַז אַ ייִד?"

— „ער זעט אויס ווי אַ ייִד. אַ ייִדן קען מען גלײַך דערקענען!"

— „וואָס וויל ער? צו וואָס האָט ער זיך געוואָרפֿן אונטער די פֿערדס פֿיס?"

— „ער האָט מיט דעם געוואָלט אָפּשטעלן די קאַרעטע. ער וויל עפּעס פֿון דעם הייליקן קאַרדינאַל."

— „אָבער וואָס?"

— „ער זאָגט עס ניט. ער וועט עס זאָגן נאָר דעם קאַרדינאַל — אַזוי האָט ער געשריִען, ווען מיר האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פֿון אונטער די פֿערדס פֿיס."

— „נעמט אים אַרויף צו מיר אין קאַרעטע!" — זאָגט

קורץ און שארף דער קארדינאל.

און הענט פון באדינערס הייבן ארויף א צעטראטענעם, א צעביילטן יידן אין פארשמוציקטע קליידער. דער ייד קען קוים ארויסזאגן אווארט. ער וויל כאפן דעם קארדינאלס האנט, זי צו קושן. אבער דער קארדינאל דערלאזט עס ניט. ער קוקט מיט רחמנות אויף דעם יידן. ער רעדט צו אים און בארואיקט אים, ביז דער ייד קומט צו זיך.

כח. דער ריטער פון רויטן פעלדז

„ווער ביסטו?" — פרעגט אים דער קארדינאל.

— „איך היים משולם, איך בין א ייד פון רעגנסבורג," — ענטפערט דער ייד.

— „וואס דארפסטו?"

—„דער גוטער קארדינאל זאל מיר העלפן. נאר איר קענט מיר העלפן אין מיין גרויסער נויט!"

— „וואסער אומגליק איז געשען מיט דיר?"

— „העלפט מיר פון די הענט פון מיין שונא, דעם ריטער פון רויטן פעלדז!"

— „דער ריטער פון רויטן פעלדז איז אויך דער שונא פון דעם פויפס. ער איז אויך מיינער א שונא. און אויב מיר האבן דעם זעלביקן שונא, זיינען מיר פריינד!"

דעם יידנס פנים האט אויפגעלויכטן. ער האט זיך שוין גע־פילט זיכער און ער האט געקענט א ביסל רואיקער דערציילן:

— „איך האב א טאכטער, אן איינציקע טאכטער. רבקה הייסט זי. זי איז זייער א שיינע און א געראטענע. עס קלינגט מיט איר גאנץ רעגנסבורג. אבער פאר א יידן איז אן אומגליק א שיינע טאכטער. מען האט דעם ריטער פון רויטן פעלדז דער־ציילט פון איר שיינקייט. האט ער מיט זיינע מענטשן זי אפ־

געהיט אַ מאָל, ווען זי איז שבת געגאַנגען אין שול. איבער גוואַלד האָט מען זי אַ כאַפּ געטאָן אין מיטן העלן טאָג און גע־בראַכט אויפן רויטן פעלדז, אין דעם ריטערס שלאָס. פון יעמאָלט אָן איז זי געפאַנגען אין שלאָס.״

— „ווי אַלט איז דײַן טאָכטער?״

— „זי איז דרײַצן יאָר אַלט. איך האָב אָנגעבעטן דעם רי־טער פון רויטן פעלדז דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס מײַנס. עס האָט געבעטן פאַר מיר דער בישאָף פון רעגנסבורג. אָבער קיין זאַך העלפט ניט. דער ריטער פון רויטן פעלדז זאָגט: ער וועט זי האַלטן בײַ זיך, ביז זי וועט אונטערוואַקסן; ער וועט זי שמדן און זי צווינגען ווערן זײַן ווײַב...״

— „אויב מע קאָן זי ניט אָפּקויפן פאַר געלט, אפשר קען מען זי מיט כּוח צונעמען פון אים...״ — האָט דער קאַרדינאַל אַזוי ווי געטראַכט אין דער הייך.

— „ער זאָגט טאַקע״ — דערציילט ווײַטער דער ייִד, — „קומט און נעמט זי צו פון מיר!״

— „פאַר וואָס באַרימט ער זיך אַזוי?״

— „ווײַל זײַן שלאָס איז אויף אַ הויכן פעלדז. נאָר אַ שמאָ־לער און אַ געדריידלטער וועג פירט אַהין. און ווען דער ריטער איז ניטאָ אין שלאָס, האָט ער מענטשן וואָס היטן דעם וועג, וואו איינער קען זיך שטעלן אַקעגן צען. ווי קען מען איבער גוואַלד ראַטעווען מײַן טאָכטער?״

— „בײַ די פּיערלעאָנים, אין אונדזער משפּחה,״ — האָט אַ שמייכל געטאָן דער קאַרדינאַל — „איז דאָ אַזאַ ווערטל: ווען עס העלפט ניט קיין געלט — העלפט די שווערד; ווען עס העלפט ניט די שווערד — העלפט אַ קלוגע עצה.״

דער ייִד פון רעגנסבורג איז שוין געווען אין גאַנצן רואיק. ער האָט אפילו געהאַט מוט אַ זאָג צו טאָן:

— „עס קלינגט ווי אַ ייִדיש ווערטל.״

דעם קאַרדינאַלס פּנים איז געוואָרן זייער ערנסט. דער ייִד

האָט זיך דערשראָקן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קאַרדינאַלס האַנט און אַ קוש געטאָן. די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווײַל מען איז צוגעקומען צו אַ גרויסן קלויסטער.

— „לאָזט דעם ייִדן צו צו מיר, ווען ער וועט דאַרפן!״ — האָט דער קאַרדינאַל באַפוילן זײַנע מענטשן.

כט. די קלוגע עצה

אין אַוונט איז דער ייִד ווידער געווען בײַם קאַרדינאַל און האָט אים דערציילט, אַז דער ריטער פון רויטן פעלדז האָט אַ האָרן און ווען מע גיט אַרויס דורך דעם האָרן דרײַ לאַנגע, צעצויגענע קלאַנגען, ווייסן זײַנע מענטשן אַז מע דאַרף דורכלאָזן צום שלאָס און עפענען דעם טויער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער פּלאַן געווען פאַרטיק. דער קאַרדינאַל איז געפאָרן ניט ווײַט פון רויטן פעלדז. עס האָבן אים באַגלייט נאָר עטלעכע באַדינערס. ער האָט זיך געריכט אַז דער ריטער פון רויטן פעלדז וועט אים באַפאַלן און וועט אים וועלן פאַנגען. אָבער קיינער האָט דעם קאַרדינאַל ניט געשטערט צו פאָרן ניט ווײַט פון שלאָס. האָט עס דער קאַרדינאַל געטאָן אַ צווייט מאָל: פון הינטער ביימער איז אַרויס דער ריטער פון רויטן פעלדז מיט אַ גרופּע באַוואָפנטע מענטשן. זיי האָבן אָפּגעשטעלט די פערד. זיי האָבן אָנגעהויבן צו אַנטוואָפענען דעם קאַרדינאַלס באַדינערס.

אָבער דאָ האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אַ שטאַרקע מחנה וואָס איז פון אַלע זײַטן באַפאַלן דעם ריטער פון רויטן פעלדז. אין עטלעכע מינוט האָט מען שוין געהאַט געבונדן דעם ריטער און זײַנע מענטשן. דעם ריטער האָט מען אַ געבונדענעם אַרײַנגע־זעצט אין דער קאַרעטע. מען האָט אַרויסגעריסן דעם האָרן וואָס האָט געגעבן די סיגנאַלן און מען האָט זיך געלאָזט צום שלאָס.

דעם ריטערס מענטשן האָבן געזען פֿון דער ווײַטנס, ווי דער ריטער זיצט אין דער קאַרעטע. זיי האָבן געהערט די סיגנאַלן פֿון האָרן, וואָס זיי האָבן גוט געקענט. האָבן זיי ניט געשטערט אַרויפֿפֿאָרן צום שלאָס, האָבן זיי ברייט געעפֿנט דעם טויער. ערשט ווען דעם קאַרדינאַלס מענטשן זײַנען געווען אין שלאָס, האָבן יענע דערזען דעם טעות. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. דער שלאָס איז שוין געווען אין די הענט פֿון קאַרדינאַל.

אַ געפֿאַנגענער, אַ געבונדענער, אַ דערנידעריקטער, איז דער שטאָלצער ריטער געקומען אין זײַן אייגענעם שלאָס. ער האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט און געשוויגן.

דעם קאַרדינאַלס מענטשן האָבן געזוכט די ייִדישע מיידל, זיי האָבן זי ניט געקענט געפֿינען. האָט דער קאַרדינאַל געהייסן, אַז מע זאָל אים ברענגען דעם געבונדענעם ריטער.

— „וואו האַלטסטו די ייִדישע מיידל?" — האָט ער אים געפֿרעגט.

— „איר וועט זי ניט געפֿינען. אויב זי קען ניט ווערן מײַנע, זאָל זי אויסגיין פֿון הונגער אין איר קאַמערל! איך וועל אײַך ניט ווײַזן, וואו זי איז, און איר וועט זי ניט געפֿינען!"

— „ניט געבן דעם ריטער צו עסן און טרינקען, ביז ער וועט ניט ווײַזן וואו די געפֿאַנגענע געפֿינט זיך!" — האָט באַפֿוילן דער קאַרדינאַל.

אויפֿן צווייטן טאָג האָט דער ריטער געמאָלדן, אַז ער וועט ווײַזן דעם וועג צום געהיימען קאַמערל וואו עס געפֿינט זיך די ייִדישע מיידל. ער איז געגאַנגען פֿאָרויס, דער קאַרדינאַל און עטלעכע מענטשן זײַנען אים נאָכגעגאַנגען. דער ריטער האָט זיי געפֿירט אַלץ העכער און העכער, ביז צום שפּיץ טורעם — און פּלוצעם האָט ער זיך געגעבן אַ ריס און זיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון טורעם.

ל. רבקה און אירע טויבן.

אבער מע מוז דאָך געפינען די מיידל! אומזיסט זוכט מען, מע בערכט ווענט, מע קריכט אין די קעלערן, מע גע־פינט אונטערערדישע גענג... אָבער וואו איז רבקה? און דעם ריטערס מענטשן ווייסן ניט, אָדער זאָגן ניט אוים. דער קאַרדינאַל איז זייער פאַרזאָרגט. גייט ער אַרום אי־בערן גאָרטן לעבן שלאָס. קוקט ער אויף די הויכע ווענט. דער־זעט ער, ווי טויבן קרייזלען אַרום אַ פענצטערל גאָר הויך. אָט האָבן צוויי טויבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פענצטערל. אָט זעט ער זיי ניט מער. זיי זיינען מסתמא אַריינגעפלויגן אינעווייניק. אָט דאָרטן איז רבקה! — פאַלט אים איין אַ געדאַנק.

ער רופט אַרוים מענטשן, ער ווייזט דאָס פענצטערל, מע פרואווט געפינען אַ טיר וואָס זאָל פירן אַהין. מע געפינט ניט!

— „כאַפּט מיר אַ טויב!" — באַפעלט דער קאַרדינאַל. מע כאַפּט אַ טויב. דער קאַרדינאַל שרייבט אָן אַ צעטעלע און ער בינדט עס צו צום פיסל פון דער טויב. מע לאָזט די טויב אָפּ. זי קרייזלט זיך אַרום דעם פענצטערל גאָר הויך אונטערן דאָך און פאַרשווינדט. ווען מע כאַפּט זי ווידער אַ ווײַלע שפּעטער, האָט די טויב אָן אַנדער צעטעלע:

— „נאָר איין טירל פירט צו מיין קאַמערל — פון דאָך. באַקוקט גוט דעם דאָך!"

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען געפונען דאָס פאַרשטעל־טע טירל און עס אויפגעבראָכן. מען האָט אַרויסגעפירט די גע־פאַנגענע מיידל, וואָס האָט געהאַלטן צוגעדריקט צו דער ברוסט צוויי טויבן. רבקה האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. אין די

אויגן זײַנען געשטאַנען טרערן פון פרייד און גערעדט האָט זי ניט צו די מענטשן אַרום, נאָר צו אירע טויבן:

— „טײַבעלעך מײַנע, איך האָב שוין ניט געהאַט קיין ברעקלעך פאַר אײַך!"

דער קאַרדינאַל איז געפאָרן צוריק אין רעגנסבורג און ער האָט אָפּגעפירט רבקהן צו איר גליקלעכן פאָטער. רבקה האָט געהאַט לאַנגע שוואַרצע האָר און בלוילעך-גרויע אויגן. מיט שטאָלצע פײַערלעך אין זיי האָט זי אַ זאָג געטאָן דעם קאַרדינאַל:

— „ניט מיט גוטן און ניט מיט בייזן האָט מען בײַ מיר ניט געקענט אויספירן!"

— „בײַ מיר האָט מען אויך ניט אויסגעפירט מיט בייזן, אָבער מיט גוטן האָט מען מיך בײַגעקומען!" — האָט איר דער קאַרדינאַל געענטפערט. רבקה האָט ניט פאַרשטאַנען די מאָדנע רייד און האָט מיט אירע גרויסע, בלוילעך-גרויע אויגן געקוקט אויף דעם מענטשן וואָס האָט זי געראַטעוועט.

לא. דער אַלטער פּיערלעאָני שטאַרבט

דער קאַרדינאַל פון טראַסטעווערע האָט קונציק דורכגעפירט די מיסיע אין דײַטשלאַנד. די אָנהענגערס פון פויפּס האָבן געזיגט. ווי אַ העלד איז דער קאַרדינאַל צוריקגעקומען קיין רוים. דער פויפּס האָט אים אָפּגעגעבן גרויס כּבוד. אָבער דער אַלטער פּיערלעאָני האָט שוין פון דעם קיין נחת ניט געקענט האָבן. ער איז געלעגן אַ קראַנקער און געפילט אַז עס דערנענטערט זיך זײַן סוף. זײַן ציל איז נאָך ניט דערגרייכט: פּעטרוס פּיערלעאָני איז נאָך ניט דער פויפּס! ער וועט עס שוין ניט דערלעבן. אָבער געשען מוז עס!

און ווען דער פויפּס איז געקומען צו זײַן שטאַרבנדיקן פרײַנד, האָט ער אים געמוזט צוזאָגן: ער וועט אַלץ טאָן כּדי וואָס פּאָפּולערער צו מאַכן זײַן זון, ער וועט זען אַז נאָך אים זאָל

ווערן פּויפּס דער עלטסטער אין דער פאַמיליע פּיערלעאָני, דער קאַרדינאַל פון טראַסטעווערע. רואיק האָט דער אַלטער פּיערלע־אָני פאַרמאַכט די אויגן אויף אייביק.

און דער פּויפּס האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט אָנגעזאָגט דעם עלטסטן קאַרדינאַל, פּעטרוס פון פּאַרטוס, אַז ער זאָל נאָך זײַן טויט אַרויסשטעלן די קאַנדידאַטור פון קאַרדינאַל פּיערלע־אָני. פּעטרוס פון פּאַרטוס האָט ביסלעכווײַז געקליבן אָנהענגערס פאַר זײַן קאַנדידאַט. ער איז געווען זיכער אַז ער האָט אַ מער־הייט קאַרדינאַלן אויף זײַן צד. דאָס האָבן אָבער אויך געוואוסט די פראַנדזשיפּאַנים. ביידע פּאַרטייען האָבן געוואַרט אויף דעם טויט פון פּויפּס האָנאָריוס.

לב. דער אומגעזעצלעכער און דער געזעצלעכער פּויפּס.

וי נאָר דער פּויפּס האָנאָריוס האָט צוגעמאַכט די אויגן, האָט אַ קליינע גרופּע קאַרדינאַלן זיך צונויפגעקליבן, ניט רופנדיק די איבעריקע, און זיי האָבן פּראָקלאַמירט, אַז דער פּויפּס איז דער קאַרדינאַל גרעגאָריוס, וואָס זיי האָבן אים אָנגערופן פּויפּס אינאָקענט דער צווייטער.

אַ פּאָר שעה שפּעטער, ווי נאָר די מערהייט קאַרדינאַלן האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם, האָט מען אויסגעקליבן דעם גע־זעצלעכן פּויפּס, אויסגעקליבן נאָך אַלע געזעצן פון דער קירך. פּעטרוס פון פּאָרטוס האָט אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פון פּעטרוס פּיערלעאָני, און די מערהייט קאַרדינאַלן, די מערהייט אײַנוואוינערס פון רוים און די מערהייט אַדללײַט — אַלע זײַנען געווען פאַר אים. מען האָט דעם פּויפּס אָנגערופן אַנאַקלעט דער צווייטער.

דער געזעצלעכער פּויפּס, אַנאַקלעט דער צווייטער, האָט

פּאַרנומען דעם לאַטעראַן, האָט פּאַרנומען די גאַנצע שטאָט רוים. דער פאַלשער פויפּס האָט אַ קורצע צײַט זיך געהאַלטן אין דער פעסטונג פון די פראַנדזשיפּאַנים, אָבער ער האָט געמוזט אַנט־לויפן קיין פראַנקרײַך.

אַנאַקלעט דער צווייטער האָט זיך געגרייט צו דער פײַער־לעכער צערעמאָניע פון אָפיציעל ווערן דער פויפּס. ער האָט זיך געטראַכט: צוויי פויפּסן — יעקב און עשׂו, דערווײַל האָט יעקב געזיגט... וועט עס בלײַבן אַזוי?

טראַפּעאַ האָט צוגעשיקט אַ באַגריסונג, און דעם פויפּס איז פון דער באַגריסונג אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן. און ער האָט געקלערט וועגן זײַנע יונגע יאָרן און זיך דערמאָנט די מעשׂה מיט ר׳ אַמנונען, וואָס האָט אַליין געבעטן, מע זאָל אים אויסשנײַדן די צונג וואָס האָט געזינדיקט. און ער האָט געקלערט וועגן אַ יונ־גער יידישער מיידל מיט בלויליך־גרויע אויגן, וואָס זי איז גע־ווען שטאַרקער פון אים.

— „הייליקער פאָטער!" — האָט זיך געווענדט צו אים דער אַלטער קאַרדינאַל פּעטרוס פון פּאָרטוס — „עס הייבט זיך באַלד אָן די צערעמאָניע!"

צווייטער טייל

א. אַ פּאַטער און אַ טאָכטער

עס איז געווען ווינטיק און רעגנדיק. אַ ייִד אין די מיטעלע יאָרן און אַ מיידל פון אַ יאָר פופצן זײַנען ביידע געשטאַנען בײַם ברעג פון אַ וועג וואָס האָט געפירט קיין רוים. לעבן זיי איז געלעגן אַן אייזל. ער איז געפאַלן און האָט נית קיין כּוחות זיך אופצוהייבן. דער פּאַטער און זײַן טאָכטער מאַטערן זיך איבער אים. אָבער עס העלפט ניט. ער שטרעקט אפילו מער ניט אויס דעם קאָפּ צום בינטל גראָז וואָס די מיידל האָט אָנגעריסן. בײַ דער מיידל, אין די גרויסע בלוילעך-גרויע אויגן, שטייען טרערן. עס איז איר קאַלט און זי האָט רחמנות אויפן אייזל.

— „קום, לאָמיר לאָזן דעם אייזל און גיין צו פוס קיין רוים. עס איז שוין ניט ווײַט!" — זאָגט דער פּאַטער.

— „אָבער ווי זאָלן מיר אים לאָזן דאָ אַליין? ער האָט אונדז געטרײַ געדינט!" — ענטפערט די מיידל און רירט זיך ניט פון אָרט.

— „דו זעסט דאָך, אַז מיר קענען אים ניט העלפן. ער וועט זיך שוין ניט אויפהייבן און מיר קענען אים דאָך ניט טראָגן אויף זיך", — בורטשעט אַרויס דער אומצופרידענער פּאַטער.

— „לאָמיר דאָ שטיין און וואַרטן. אפשר וועלן מיר אים קענען אָוועקשענקען אַ גוטן פויער וואָס וועט אים אַרײַננעמען אין אַ שטאַל און אים געבן רפואות!" — לייגט פאָר די טאָכטער.

— „קיינער וועט זיך מיט אים ניט פאַרנעמען. מע וועט אים דערלאַנגען מיט אַ פלאָקן איבערן קאָפּ און אַראָפּשינדן די פעל. און אפשר דאָס אויך ניט. די פעל איז אויסגעקראָכן און אָפּגעריבן!"

— „אָבער ווי קענסטו אַזוי ריידן?״ — האָט אַ טענה די טאָכטער. זי בייגט זיך אַראָפּ און גלעט דעם אייזל.

— „זײַ ניט קיין קליין קינד!״ — ווערט דער פֿאָטער שטרענג, — „אויב מיר וועלן דאָ בלײַבן שטיין, וועלן מיר אומגיין פֿון הונגער און קעלט ווי דער אייזל. דערמאָן זיך וויפֿל צרות מיר זײַנען שוין אויסגעשטאַנען זינט מיר האָבן פֿאַרלאָזן רעגנםבורג. און אַלץ דו! כדי דיך צו ראַטעווען פֿון די הענט פֿון די רויבערס, וואָס האָבן צוגענומען פֿון אונדז דאָס געלט, האָב איך זיי געמוזט אָפּגעבן דעם דימענט, וואָס איך האָב געהאַט פֿאַרנייט אַזוי קונציק, אַז קיינער וואָלט אים ניט געקענט געפֿינען. און איבער וועמען האָב איך געמוזט פֿאַרלאָזן רעגנםבורג, אויב ניט צוליב דיר?״

די טאָכטער האָט ניט געענטפֿערט. רונדע טרערן האָבן זיך איצט געקײַקלט איבער איר בלאַסן פּנים. די קליידער אירע זײַנען געווען באַשפּריצט פֿון וועג. דאָס טוך אויף אירע פּלייצעס האָט געהאַט לעכער און האָט ווינציק וואָס געוואַרעמט. זי איז געווען דורכגענומען פֿון נעץ און האָט געציטערט. עס האָט דעם פֿאָטער אַ צי געטאָן בײַם האַרצן. זײַן טאָן האָט זיך אין גאַנצן געביטן:

— „קום, רבקה! דו אַליין ביסט מײַן איינציקער דימענט! דו ווייסט, אַז איך טו אַלץ צוליב דיר. עס איז נאָר שווער פֿאַר אַ ייִדן צו האָבן אַזאַ שיינע טאָכטער. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן ריטער פֿון „רויטן פֿעלדז״ און נאָך דעם האָב איך געזען ווי אַנדערע לויערן אויף דיר. און חתונה מאַכן האָב איך דיך ניט געקענט, ווײַל בייזע ציינגער האָבן גערעדט פֿאַרשיידענע נאַרישקייטן. און די מאַמע דײַנע איז געשטאָרבן. און מיר ביידע האָבן עס אַליין גענומען אויף זיך — אַרויסצוואַנדערן פֿון אונדזער שטאָט און לאַנד און זיך צו לאָזן אין אַזאַ ווײַטן וועג. שולדיק בין איך. זײַ ניט קיין קליין קינד, וויין ניט! קום, לאָמיר גיין״.

די טאָכטער האָט קיין וואָרט ניט געענטפֿערט. זי האָט נאָך

אַ מאָל זיך אַראָפּגעבויגן צום אייזל און אים אַ גלעט געטאָן. און זי האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיטן פאָטער.

ב. ביים טויער פון רוים.

זיי זיינען שוין געווען לעבן דער שטאָט. זיי זיינען געווען זייער פאַרמאַטערט פון וועג, אָבער איצט האָט שוין ניט געלוינט זיך אָפּצושטעלן. און וויל דער ייד האָט געוואָלט פאַרגעסן דעם הונגער און ניט קלערן וועגן דעם, אַז ער קומט אָן און רוים ווי אַ בעטלער, האָט ער דערציילט דער טאָכטער:

— „און דו ווייסט ווי רוים איז געבויט געוואָרן? מיט ייִדישע זינד איז רוים געבויט געוואָרן. ווען דער קיניג שלמה האָט חתונה געהאָט מיט פּרעהס טאָכטער, איז אַראָפּ אַ מלאך פון הימל און האָט געמאַכט אַ קרייז אין מיטן ים. און פון דעם קרייז האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ שטיק ערד און זיך באַדעקט מיט וואַלד. און ווען ירבעם, דער זון פון נבט, האָט אויפגעשטעלט די צוויי גאָלדענע קעלבער אין דן און בית-אל, זיינען אַהין געקומען די ערשטע מענטשן און האָבן דאָרט אויפגעשטעלט די ערשטע צוויי געצעלטן. און ווען אליהו הנביא האָט זיך געדאַרפט באַהאַלטן פון איזבל — איז אין רוים אויפגעקומען דער ערשטער קיניג. און ווען מנשה, דער קיניג פון יהודה, האָט איינגעפירט אַז מע זאָל ווידער דינען געצן אין בית־המקדש און געשיקט מענטשן צו טייטן ישעיהו הנביא, האָט רוים אָנגעהויבן איר ערשטע מלחמה איינצונעמען די אַרומיקע לענדער. רוים דאָס איז עשו, יעקבס אייביקער שונא”.

— „אָבער איך געדענק ווי דו האָסט מיר דערציילט, אַז משיח זיצט ביי די טויערן פון רוים. ער וואַרט, עס זאָלן זיך פאַרהיילן די וואונדן אויף זיינע פיס, און ער וויקלט אָפּ די וואונדן צו זען, צי זיי זיינען שוין פאַרהיילט און ער פאַרוויקלט זיי ווי-

דער, ווײַל די וואונדן היילן זיך ניט. ער איז אַ בעטלער בײַ די טויערן פון רוים.

אזוי ווי מיר...״ — האָט די טאָכטער פאַרענדיקט מיט אַ טרויעריקן שמייכל.

דער פּאָטער האָט אויפגעציטערט. דער געוועזענער רײַכער סוחר פון רעגנסבורג האָט זיך נאָך ניט צוגעוואוינט צו זײַן איצ־טיקער אָרעמקייט.

בײַם טויער פון דער שטאָט האָבן זיי ניט דערזען קיין בעט־לער וואָס וויקלט פונאַנדער די וואונדן פון די פיס. עס איז גע־ווען שפּעט אין אָוונט און עס האָבן זיך גאָר קיין מענטשן ניט געזען. נאָר צוויי זעלנערס, באַוואָפנט מיט שווערדן און פּיקעס, האָבן זיי פאַרשטעלט דעם וועג. זיי זײַנען געווען אַ ביסל שיכּור, זיי האָבן זיך געשטופּט און געלאַכט.

— „היי, איר זעט ניט דעם צלם?״ — האָט איינער אויס־געשריִען.

— „מיר זײַנען ייִדן״, — האָט משולם געענטפערט.

— „און די שיינע מיידל איז דײַן טאָכטער?״ — האָט דער זעלנער געפרעגט.

— „ביסט שיכּור, אַנטאָניאָ״, — האָט דער צווייטער זיך צעלאַכט, — „אַ שמוציקע בעטלערקע איז שיין אין דײַנע אויגן!״

— „עס איז גוט צו זײַן שיכּור. ווען מע קלײַבט אויס אַ ייִדן פאַרן פּויפּס, דאַרף שוין בעסער יעדער פרומער קריסט זײַן שיכּור!״

— „און וואָס אַרט דיך, אַז דער פּויפּס איז אַ ייִד, אַפּי מע גיט אונדז ווײַן אָן געלט. הײַנט האָט מען אַ גאַנצן טאָג געקענט קריגן לעבן פּאַלאַץ פון די פּיערלעאָנים וויפל ווײַן מע האָט נאָר געוואָלט. זאָלן לעבן די פּיערלעאָנים!״

דער ייִד און זײַן טאָכטער האָבן זיך צוגעהערט צו די מאָד־נע רייד און זײַנען אומגעשטערט אַרײַן אין דער שטאָט רוים.

ג. אין דער יידישער גאַס

משולם און זײַן טאָכטער רבקה זײַנען אָנגעקומען צום הויז, וואו עס האָט געלעבט דער הויפּט-רב פון רוים. ר׳ שלמה בן אברהם האָט ער געהייסן. מע האָט אים גערופן דער נשיא.

דער נשיא איז געווען זייער פאַרנומען, ווײַל מע האָט זיך געגרייט צו דער מאָרגנדיקער צערעמאָניע. דער שמש האָט שוין דערציילט משולמען, אַז מאָרגן איז די פײַערלעכע צערעמאָניע פאַרן נײַעם פויפּס אָנאָקלעט דעם צווייטן. יידן מוזן נעמען אַן אָנטייל אין דער צערעמאָניע. זיי האָבן שוין פריער געמוזט אויס-פוצן מיט טײַערע טעפּעכער און מיט בלומען די „יידישע בריק״ איבערן טיבער. מע האָט זיי געצוואונגען, ווי שטענדיק פאַר אַזאַ צערעמאָניע, אויסצופוצן דעם טריאומף-בויגן פאַר טיטוסן, וואָס האָט אײַנגענומען ירושלים און חרוב געמאַכט דעם בית-המקדש. און מאָרגן קומט אַ טאָג פון געפאַר. ווער ווייסט וואָס עס קען אַרויסקומען פון דעם? יידן קומען באַגעגענען דעם נײַעם פויפּס. די קריסטן לאַכן פון זיי און וואַרפן שטיינער אויף זיי. און קר-מען מוז מען!

ווען משולם, וואָס האָט דערווײַל זיך געהאַט אָנגעוואַרעמט און אַ ביסל זיך אָפּגערוט, האָט דערציילט דעם נשיא זײַן גאַנצע געשיכטע, האָט ר׳ שלמה בן אברהם איבערגעפרעגט:

— „איר זאָגט, אַז דער קאַרדינאַל פון טראַסטעווערע האָט געראַטעוועט אײַער טאָכטער?״

— „יאָ, דער קאַרדינאַל פון טראַסטעווערע״.

— „דער קאַרדינאַל פון טראַסטעווערע איז אויסגעקליבן געוואָרן ווי דער פויפּס. מאָרגן דאַרף איך אים איבערגעבן אַ ספר-תורה אין נאָמען פון די יידן פון רוים. און פון מײַן זיידן

ר׳ יחיאל האָב איך אַליין געהערט, אַז ער האָט גוט געקאַנט דעם עלטערזיידן פון איצטיקן פויפּס, ברוך האָט ער געהייסן. זײַן זון לעאָ האָט זיך געשמדט און איז געווען דער דאָקטער פון דעם פויפּס לעאָ דעם נײַנטן. פון אים קומען דאָס אַרויס די פּיערלעאָ־נים. ווער פאַרשטייט גאָטס וועגן?״

— „איך בין דאָ אַ פרעמדער און קום נאָך הילף. נאָר אַזוי ווי איר זײַט פרײַנדלעך צו מיר, וויל איך נאָר צוגעבן, אַז בײַ אונדז, צווישן די יידן אין דײַטשלאַנד, זאָגט מען, אַז יעדער משומד איז אַ המן״.

— „די פּיערלעאָנים זײַנען געבליבן וואוינען צווישן יידן, אין טראַסטעווערע. זיי האָבן קיין מאָל ניט געלייקנט, אַז זיי שטאַמען אָפּ פון יידן. מיר זײַנען שטאָלץ מיט דעם נײַעם פויפּס, שטאָלץ און... אומרואיק״.

דער נשיא האָט צוגעזאָגט דעם פרעמדן, אַז מע וועט אים העלפן, און געבעטן דעם שמש, ער זאָל דערווײַל פאַרזאָרגן פאַר אים און זײַן טאָכטער אַן אָרט וואו צו זײַן.

ד. דער רב מיט דער ספר־תורה.

די שטאָט רוים איז געוואָרן אָרעם פון דעם קאַמף צווישן די פויפּסן און דעם קייסער פון דײַטשלאַנד. אָבער איצט איז ווידער געקומען דער פײַערלעכער טאָג אין לעבן פון דער שטאָט. רוים קריגט אַ נײַעם הערשער, די קאַטאָליקן פון דער גאַנצער וועלט — אַ נײַעם פירער. האָט די שטאָט זיך אויסגעפּוצט אין אַמאָליקער פּראַכט. פאָנען האָבן געוויילט. די גאַסן, איבער וועלכע עס האָט געזאָלט דורכגיין די פּראָצעסיע, זײַנען געווען אויסגעפּוצט מיט טעפּעכער און מיט גרינסן. עס האָבן געזונגען די כאָרן פון אַלע קירכן און אַ גע־קלאַנג פון גלאָקן האָט זיך געטראָגן אין דער לופט.

אַלטע מנהגים האָבן באַשטימט אין פּאָרוים אַלץ וואָס עס דאַרף פּאַרקומען אין דעם פֿייַערלעכן טאָג. די יידן האָבן געמוזט זיך צונויפקלייַבן אין אַ באַשטימטן אָרט. זיי זייַנען געשטאַנען און געזונגען תפילות און געזאָגט קאַפּיטלעך תהילים. ווען די פּראָצעסיע דערנענטערט זיך צום אָרט, וואו די יידן שטייען, טרעט אַרויס דער רבֿ מיט אַ ספר־תורה אין די הענט. די ספר־תורה איז אין אַ מענטעלע וואָס איז באַשטיקט מיט גאָלד און זי איז אייַנגעוויקלט אין אַ שלייער. דער רבֿ נעמט אַראָפּ דעם שלייער און דערלאַנגט די ספר־תורה דעם פּויפּס.

דער פּויפּס ווערט געטראָגן פֿון זייַנע נאָענטסטע מענטשן. איבער אים איז אַ חופּה. ער איז אין אַ לאַנגן רויטן מאַנטל. אויפֿן קאָפּ — אַ טיאַרע מיט דימענטן. דער פּויפּס נעמט צו די ספר־תורה פֿון דעם רבס הענט. איז זי אַזוי שווער, אַז די הענט פֿון פּויפּס ציטערן דערבייַ? אָדער האָט זיך דער יונגער פּויפּס עפּעס וואָס דערמאָנט?

איצט טוט דער פּויפּס אויס דאָס מענטעלע, גיט אַ וויקל פֿונאַנדער די ספר־תורה און ווייַזט אָן אויף איין פּסוק און בעט, אַז מע זאָל אים דעם פּסוק פֿאַרטייַטשן. אַזוי איז דער מנהג.

האָט זיך גראָד אויפגעוויקלט די שטעל, וואו עס זייַנען פֿאַראַן די צען געבאָט, און דער אַלטער רבֿ דאַרף זאָגן צום יונגן פּויפּס: „האַלט אין כּבֿוד דייַן פֿאָטער און מוטער, כּדי דייַנע טעג זאָלן זיך לענגערן אויף דער ערד". דער פּויפּס הערט עס אויס און ער ענטפֿערט אַזוי ווי דער מנהג הייסט:

— „מיר נעמען אָן די תורה וואָס גאָט האָט דיר געגעבן, ייִד. אָבער מיר נעמען ניט אָן ווי דו פֿאַרטייַטשסט די תורה. אַמאָל ביסטו געווען גאָטס פֿאָלק, איצט ביסטו זייַן שונא. האָף ניט: דער אויף וועמען דו וואַרטסט איז שוין געקומען און דו האָסט אים ניט דערקענט!"

די שטים פֿון דעם פּויפּס האָט אַ ביסל געציטערט, ווען ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער. איצט האָט ער די ספר־תורה

איבערגעגעבן דעם קארדינאל וואס איז געשטאנען לעבן אים און ער האט געזאלט ארויפלייגן זיין פוס אויפן שטערן פון דעם רב. דער רב איז געשטאנען אויף דער ערד, דער פויפס איז געזעסן אויף א טראגבעט. דאס ארויפלייגן דעם פוס אויפן שטערן פון רב איז געווען א טייל פון דער צערעמאניע.

דער רב האט געווארט. אלע ארום האבן געווארט.

ה. א שטים פון א מיידל

עס איז אוועק א לאנגע מינוט. ווען דער פויפס לייגט ארויף דעם פוס אויפן קאפ פון דעם רב, הייבט דער עולם אן צו שרייען קעגן די יידן. עס טרעפט זיך, אז מע ווארפט שטיינער אויף זיי. עס קען זיך אנהייבן א בלוטיק געשלעג. עס קומט פאר ווילדע מענטשן א „פריילע-כער" טייל פון דער צערעמאניע.

אבער דער פויפס ווארט. ער קוקט זיך ארום. ער דערזעט צווישן די יידן וואס זיינען צונויפגעדריקט אויפן פלאץ א מיידל מיט גרויסע, גרויסע אויגן. די אויגן קוקן אויף אים. וואו האט ער די אויגן געזען?

און פלוצלונג דערהערט ער אין דער שטילקייט א שטים. עס איז די שטים פון דער מיידל:

— „דאס איז ער! דאס איז ער!"

עמעצער פארשטעלט איר דאס מויל. יא, ער דערמאנט זיך: דאס איז די מיידל פון „רויטן פעלדז". זי האט דאס אים געזאגט, אז מען האט זי ניט געקענט בייקומען, ניט מיט גוטן, ניט מיט בייזן.

— „הייליקער פאטער, דעם רעכטן פוס אויפן רבס שטערן!" — שעפטשעט אים אין אויער אריין דער קארדינאל פעטרוס פון פארטוס.

און דער פויפּס זאָגט:

— „גיי, ייִד, קיינער וועט דיר קיין שלעכטס ניט טאָן. דו ביסט גאָטס אייביקער עדות און מיר דולדן דיך, כאָטש דו האָסט געזינדיקט".

— „וואָס פאַר אַ נייַעס?! וואָס פאַר אַ נייַעס?!" — האָט זיך דערהערט אַ געמורמל. אָבער דער פויפּס האָט געגעבן אַ צייכן און מען האָט אים געטראָגן ווייַטער. דער אָנטייל פון די ייִדן אין דער צערעמאָניע איז געווען פאַרענדיקט.

אַ טייל פון עולם איז געבליבן אומצופרידן. די וואָס האָבן אָנגעגרייט שטיינער צו וואַרפן אויף די ייִדן, האָבן די שטיינער אַרויסגעלאָזט פון די הענט. עס האָט זיך געהערט אַ געמורמל. פּלוצעם האָט עפּעס אַ שטים איבערגעריסן די שטילקייט:

— „נאָך דער פּראָצעסיע קריגט מען ווידער ווייַן לעבן פּאַלאַץ פון די פּיערלעאָנים!"

עס האָבן זיך דערהערט פריידיקע אויסגעשרייען: „ווייַן! ווייַן! לעבן זאָלן די פּיערלעאָנים!" עס איז געוואָרן טומלדיק און פריילעך.

נאָר אַ פּאָר קאַרדינאַלן זייַנען געגאַנגען מיט בייזע פּנימער. און איינער, זייער אַ הויכער און דאַרער מאָנאַך, מיט ברענענדיקע אויגן און מיט אַן אויסגעמאָגערטן פּנים, האָט אַ שפּיַי געטאָן און איז אַוועק אין אַ זייַטיק געסל.

דער מאָנאַך האָט געהייסן בערנאַר פון קלערוואָ. ער איז געקומען פון פראַנקרייַך צו דער פּייַערלעכער צערעמאָניע.

ז. צוויי געשפּרעכן.

וען פּעטרוס פון פּאָרטוס איז נאָך דער צערעמאָניע געבליבן אַליין מיטן פויפּס, האָט ער זיך צו אים געווענדט:

— „הייליקער פּאַטער! מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן, אַז מיר

פירן אַ קאַמף מיט זייער אַ שטאַרקן שונא און אַז מיר האָבן גע־זיגט דערוויַיל נאָר אין רוים. און דער שונא וועט אַנגעמען אַלע מיטלען וואָס ער וועט נאָר קענען".

— „און דער שונא וועט די גאַנצע ציַיט דערמאָנען, אַז איך שטאַם פון ייִדן... דאָס האָסטו געוואָלט זאָגן, מיַין אַלטער און געטריַיער פריַינד?" — האָט אים דער יונגער פויפּס אי־בערגעריסן מיט אַ שמייכל.

— „ער וועט אויך זאָגן: 'דער פויפּס וואָס שטאַמט פון ייִדן — בליַיבט אַ ייִד!' און מע וועט וויַיט און ברייט אויס־ניצן וואָס דער פויפּס האָט ניט געוואָלט באַליידיקן דעם ייִדישן רב און וואָס ער פירט איַין נײַע פּריווילעגיעס פאַר די ייִדן".

— „האָב איך דען געטאָן אָדער געזאָגט עפּעס אַ זאַך וואָס פּאַסט זיך ניט פאַר דער הייליקער קירך?"

— „כאָטש איך בין אַלט אין יאָרן און האָב אַ סך געזען אין הויף פון די פויפּסן — דאַרף איך ניט לערנען דעם הייליקן פאָטער. איך וויל נאָר זאָגן: קיַין שום נײַסן קען מען איצט ניט איַינפירן, און מער פון אַלץ דאַרפן מיר זיך היטן צו טאָן עפּעס פאַר ייִדן, פון דעם קלענסטן ביז גרעסטן".

דער פויפּס האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך פאַר־טראַכט. פּעטרוס פון פּאַרטוס איז געשטאַנען און האָט געוואַרט. פּלוצעם גיט דער פויפּס אַ פרעג:

— „האָבן אַלע געהערט אַ שטים פון אַ מיידל: דאָס איז ער! דאָס איז ער!?"

דער ענטפער פון דעם קאַרדינאַל איז ניט געקומען גליַיך נאָך דער פראַגע:

— „איך האָב אַזאַ שטים ניט געהערט. זאָל איך זיך נאָכ־פרעגן?"

— „מע דאַרף ניט... איך וויל זיך אָפּרוען".

דער אַלטער קאַרדינאַל איז אַרויסגעגאַנגען.

אין אָוונט האָט דער קאַרדינאַל געהאַט ביַי זיך אַ היציקן

גאַסט. דאָס איז געווען דער מאָנאַך בּערנאַר פון קלערוואָ. און יענער האָט דערציילט:

— „איך האָבּ בּאַשלאָסן צו פאַרלאָזן רוים. איך פאַר קיין פּיזע, קיין גענוע. איך וועל דערזאָגן מײַן פויפּס וואָס האָט גע־מוזט אַנטלויפן פון דעם יידן וואָס האָט פאַרכאַפּט זײַן טראָן. מיט וואָס איך קען נאָר, וועל איך דינען מײַן פויפּס!"

— „דו האָסט פריִער אויך געוואוסט, אַז דער געזעצלעכער פויפּס אַנאַקלעט דער צווייטער שטאַמט פון יידן. דו ווייסט אויך, אַז די קירך האָט שוין לאַנג ניט געהאַט אַזאַ געלערנטן און אַזאַ פּעאיקן מענטשן אויפן טראָן פון הייליקן פּעטרוס. און דער היי־ליקער פּעטרוס האָט דאָך אויך געשטאַמט פון יידן", — האָט דער קאַרדינאַל אים געוואָלט בּארויקן.

— „דער הייליקער פּעטרוס האָט געשטאַמט פון יידן. אַלע אַפּאָסטאָלן האָבּן געשטאַמט פון יידן. גאָטס זון אַליין איז אויף דער ערד געווען אַ ייִד. אָבּער זיי אַלע זײַנען געווען יידן, דער — איז געבּליבּן אַ ייִד!"

— „וואָס רעדסטו נאַרישקייטן?" — איז דער אַלטער גע־וואָרן אומגעדולדיק.

— „דו ווייסט וואָס איך רייד. דו אַליין בּיסט ניט צופרידן מיט זײַן אויפפירונג. דו האָסט געזען ווי אַזוי ער האָט גערעדט צום רבּ, ווי אַזוי ער האָט ניט געוואָלט זיך האַלטן בּײַ די אַלטע צערעמאָניעס אונדזערע. און איך שווער דיר, אַז עס איז פאַראַן אַ געהיימע פאַרבּינדונג צווישן די יידן און דעם פויפּס. מע גיט אים צייכנס געהיימע. איך האָבּ געהערט פון צווישן יידן אַ שטים פון אַ מיידל. און ווי נאָר יענער האָט עס דערהערט, האָט ער שוין גענומען אײַנפירן נײַסן. ניין, ער איז ניט מײַן פויפּס!"

— „בּלײַבּ נאָך אין רוים. קוק זיך אַרום. דיר וועט עס לוינען. איך וויל דיך ניט האָבּן פאַר אַ שונא!" — האָט פּעט־רוס פון פּאָרטוס געענטפערט אויף די הייסע רייד פון מאָנאַך.

— „אַהאַ! דעם עולם קויפן די פּיערלעאָנים אונטער מיט

ווײַזן און מיך וויל זייער מענטש אונטערקויפן מיט אַ נײַער שטעל? איך דאַרף ניט קיין ווײַזן און קיין שטעלן!"

— „איז גיי וואו דו ווילסט!" — האָט אויסגערופן דער קאַרדינאַל.

— „פאַרוואָס הייסטו ניט, מען זאָל מיך פאַרהאַלטן דאָ? דו זאָגסט דאָך, אַז איך קען זײַן אַ געפערלעכער שונא," — האָט דער מאָנאַך זיך ניט גערירט פון אָרט.

— „איך וועל דיר קײַן שלעכטס ניט טאָן. אויב דו ווילסט ניט דינען דעם הייליקן שטול, טאָ גיי דיר צו די וואָס זוכן אינ־טריגעס און קריגערײַען אַרום דעם טראָן פון פויפּס."

— „אַזוי ווי איך וועל ניט דינען דעם טײַוול, אַזוי וועל איך ניט דינען דעם ייִדן וואָס דו האָסט אַרויפגעזעצט אויפן טראָן פון די פויפּסן!" — האָט אויסגעשריִען דער מאָנאַך און איז אַרויס.

ז. „מיר ווילן ניט דעם ייִדן!"

דעם אַנדערן טאָג אין דער פרי האָט דער קאַרדינאַל אַרײַנגערופן צו זיך צוויי געטרײַע דינערס און זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן געפינען די ייִדישע מיידל וואָס האָט עפּעס אויסגעשריִען בעת דער פײַערלעכער צער־עמאָניע. זיי האָבן געדאַרפט זיך נאָכפרעגן בײַ ייִדן, צווישן וועלכע זיי האָבן געהאַט באַקאַנטע. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו פאַרהאַלטן דעם מאָנאַך בערנאַר פון קלערוואָ.

ביידע באַפעלן האָט מען ניט געקענט דורכפירן. מען האָט ניט געקענט דערגיין קיין זאַך וועגן דער ייִדישער מיידל, און דער מאָנאַך איז שוין אין רוים ניט געווען. דער קאַרדינאַל איז געווען זייער פאַרנומען און ער האָט ניט געקענט צו פיל קלערן וועגן די ביידע זאַכן. עס זײַנען אָנגעקומען זייער אומרואיקע און שווערע וואָכן. דער קאַמף קעגן דעם אומגעזעצלעכן פויפּס

האָט זיך אַרויסגעוויזן שווערער ווי דער אַלטער קאַרדינאַל האָט געמיינט.

אין רוים איז די לאַגע געווען אין גאַנצן אַ זיכערע. ווייַן און געלט פון די פּירלעאַנים און דער אויטאָריטעט פון דער מער־הייט קאַרדינאַלן — דאָס אַלץ אין איינעם האָט אַלעמען פאַר־שטאָפּט די מייַלער. אָבער יעדן טאָג האָט דער לאַטעראַן, וואו עס איז געזעסן דער פויפּס, געקראָגן ענטפערס אויף די הונדער־טער בריוו וואָס מען האָט געשיקט מיט ספּעציעלע מענטשן. די ענטפערס זייַנען געווען זייער קורצע:

— „מיר ווילן ניט דעם יידן!״

עס איז געווען קלאָר, אַז די ענטפערס זייַנען ניט קיין צופע־ליקע. דער אומגעזעצלעכער פויפּס האָט געאַרבעט זייער ענער־גיש און ער האָט אַריבערגעצויגן אויף זייַן זייַט די מערהייט בי־שאָפן. בייַם לייענען יעדן נייַעם ענטפער ׳מיר ווילן ניט דעם יידן׳ — האָט דער פויפּס געשמייכלט און דער קאַרדינאַל האָט זיך פאַרקרימט פון ווייטאָג.

דער פויפּס האָט געוואָלט געווינען אויף זייַן זייַט דעם קיי־סער פון דייטשלאַנד. ער האָט געשיקט צו אים בריוו און מענטשן, אָבער דער קייסער האָט ניט געוואָלט צושטיין צום פויפּס. ער האָט אויך געהאַט צו טאָן מיט אַ צווייטן פּרעטענדענט אויפן טראָן און ניט געוואָלט זיך שווערער מאַכן די אייגענע לאַ־גע.

דער איינציקער פרייַנד פון פויפּס וואָס האָט געהאַט אַ גו־טע אַרמיי איז געווען דער נאָרמאַנישער פירער ראָדזשער. און זייַן פרוי האָט געהייסן טראָפּעאַ. איין מאָל, ווען די לאַגע פון פויפּס איז געווען גאָר אַ שווערע, האָט ער געקראָגן אַ בריוו פון טראָפּעאַן.

ח. אַ בריוו פון אַ שוועסטער

דער פּויפּס האָט געהאַלטן אין האַנט טראַפּעאַס בריוו. ער האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געקראָגן קיין בריוו פון איר!

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי גוט זי איז געווען צו אים, ווען מען האָט אים אַמאָל געבראַכט אין איר היים און ער האָט זיך געטראַכט: ווען ניט זי, וואָלט איך קיין פּיערלעאָני ניט געוואָרן; און אויב איך וואָלט קיין פּיערלעאָני ניט געוואָרן, וואָלט איך קיין פּויפּס ניט געוואָרן".

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געזעגנט אין דער פּרילינגדיקער נאַכט, אין סאָד. און ער האָט זיך געטראַכט: „ווען ניט איר חתונה, וואָלט איך קיין מאָנאַך ניט געוואָרן; און אויב איך וואָלט קיין מאָנאַך ניט געוואָרן, וואָלט איך קיין פּויפּס ניט געוואָרן".

און ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען:

„פּעטרוס, ברודער מייַנער!"

„ווען דו ביסט געוואָרן דער פּויפּס, האָב איך דיר צוגעשיקט אַ באַגריסונג. איך האָב געוואָלט דיר שרייַבן אַ לאַנגן בריוו, אָבער איך האָב ניט געקאָנט. איך בין געווען זייער שטאָלץ, און אויך זייער טרויעריק. איך האָב אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס. איצט זייַנען מיר אַ סך זאַכן קלאָר געוואָרן. מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז מיר ביידע זייַנען געפאַנגענע.

„וועגן זיך וויל איך קיין סך ניט ריידן. קען זייַן, אַז מייַן שטייַג איז פון גאָלד, אָבער איך בין אין אַ שטייַג. אַ גאַנצן טאָג טו איך נאָר זאַכן וואָס איך מוז טאָן, ניט וואָס איך וויל טאָן. אַלע יאָרן אַזוי, זינט איך האָב פאַרלאָזן מייַן פאָטערס הויז. מייַן מאַן איז אַלע מאָל געווען גוט צו מיר, אָבער ער פאַרשטייט מיך ניט און איך פאַרשטיי אים ניט. ער איז אַ מוטיקער נאָרמאַנישער

קריגסמאַן, אָבער אין מײַנע אויגן איז ער אַ מאָל אַ קינד, אַ מאָל אַ ווילדער באַרבאַר. איצט איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך אינ־טערעסיר זיך מיט זײַנע פּלענער, ווײַל ער קען דיר העלפֿן. און ער וועט דיר העלפֿן און ער וועט דיך פּאַרטיידיקן! ער וויל פֿאַר דעם אַ באַלוינונג. ער וויל, אַז דער פּויפּס זאָל אים קרוינען פֿאַר דעם קיניג פֿון סיציליע. זאָל ער עס קריגן. איך דאַרף ניט די קרוין, און מיר וועט זײַן זייער שווער צו קומען קיין רוים. נאָר איך האָב שוין געטאָן אַ סך זאַכן וואָס מיר איז שווער. איך בין דאָך אַ געפֿאַנגענע.

„און איך טראַכט: אפשר ביסטו אויך אַ געפֿאַנגענער? זינט די נאַרישע פּרוי האָט דיך אַרויסגעשלעפּט פֿון דײַן פֿאָטערס הויז, ביסטו דאָך אויך אַ געפֿאַנגענער. פּירסטו זיך דען אַזוי ווי דו ווילסט? דו ביסט אפשר קיין מאָל ניט גליקלעך געווען. דיר איז גוט געגאַנגען. דו האָסט ניט לאַנג געטראָגן דעם שוואַרצן מאַנטל פֿון אַ מאָנאַך, דו האָסט זייער יונג אָנגעטאָן דעם וויאָ־לעטן מאַנטל פֿון אַ קאַרדינאַל און איצט וועל איך דיך זען אין דעם ברייטן, פּראַכטיקן רויטן מאַנטל פֿון פּויפּס. אָבער איך פֿיל, אַז אונטער דעם רויטן מאַנטל שלאָגט נאָך אַ יונג און אַ רויט האַרץ פֿון אַ געפֿאַנגענעם וואָס וויל זיך באַפֿרײַען.

איך ווייס, אַז איך דאַרף דיר אַזוי ניט שרײַבן. אָבער ווען מיר וועלן זיך זען, וועל איך עס דיר ניט קענען זאָגן. און איך מוז איין מאָל כאָטש זיך אויסריידן דאָס האַרץ. אַ געטרײַער די־נער וועט דעם בריוו אָװעקפֿירן צו דיר און קיין זײַטיקע אויגן וועלן אים ניט זען.

„דו האָסט מיר אַ מאָל דערציילט אַ מעשׂה מיט אַ הייליקן מאַן וואָס האָט געבעטן, מען זאָל אים אויסשנײַדן די צונג, ווײַל ער האָט געזינדיקט מיט איר. מען האָט אים אָפּגעהאַקט די פֿיס: דו געדענקסט די מעשׂה? מיר ביידע זײַנען ניט קיין הייליקע און ניט קיין שטאַרקע. האָט מען אונדז נאָר געבונדן די פֿיס. ניט אמת?

„איך וויל ניט קיין ענטפער אויפן בריוו. איך וויל נאָר
ווי ניט איז אַ צייכן, אַז דו ביסט ניט בייז אויף דעם בריוו. עס
ווינטשט דיר גליק

טראַפּעא, די שוועסטער דײַנע."

ט. „עס ציט אים אַהיים"

דער פּויפּס איז געוואָרן זייער אומרואיק נאָך דעם בריוו.
ער האָט פאַרגעסן אַלע זײַנע געשעפטן און נאָר גע־
קלערט:

„בין איך טאַקע אַ געפאַנגענער? איך, דער פּויפּס?"
און ער האָט ווײַטער געקלערט:

„זאָל איך רופן צו זיך דעם רב און זיך אַוועקזעצן שמועסן
מיט אים? קען איך עס? יאָ, איך קען עס. אָבער עס דאַרף זײַן
דערבײַ פּעטרוס פון פאָרטוס. אָדער אַן אַנדער קאַרדינאַל. ווען
קיינער וועט דערבײַ ניט זײַן, וועט עס ווערן פאַרדעכטיק. איך
וועל קריגן נײַע שונאים. און אַז איך זאָל וועלן אויסגעפינען,
וואו זײַנען די קברים פון מײַן פאָטער און מוטער — קען איך
עס? ווי אַזוי? פאָרן אַהין קען איך ניט. אָנהייבן אויספרעגן
— עס וועט ווערן זייער פאַרדעכטיק. וואָס האָט דער פּויפּס צו
טאָן מיט קברים פון אַ ייִדישן רב און זײַן פרוי, וואָס זײַנען
אומגעקומען מיט יאָרן צוריק?

„און ווען איך זאָל וועלן זיך דורכגיין איבער דער ייִדישער
גאַס? ווען איך זאָל וועלן געפינען אין דער ייִדישער גאַס איינע
אַ מיידל מיט גרויסע גרווילער־בלויע אויגן? קען איך עס דען?"
און ער האָט באַשלאָסן:

„וואָס הייסט, איך בין אַ געפאַנגענער? ביי וועמען? אָט וועל איך טאָן וואָס איך וויל!"

און דער פויפס האָט איין מאָל פלוצלונג אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל אים פירן איבער דער יידישער גאַס.

עס איז געווען אין אַ וואָכעדיקן טאָג און עס איז געוואָרן אַ צעטומלעניש אויף דער יידישער גאַס. די יידן האָבן זיך ניט געריכט אויף דעם. אין איילעניש איז מען געלאָפן צום רב, אים אָנצוזאָגן, אַז דער פויפס פאָרט, אַז ער איז שוין אַריבערגעפאָרן די „יידישע בריק" און אָט באַלד וועט ער אָנקומען אַהער.

— „וועך ווייס וואָס ער וויל?!" — האָבן צעשראָקענע יידן גערעדט צווישן זיך — „צי קומט ער אונדז צו העלפן אָדער אונדז צו טאָן שלעכטס? אַ פויפס זאָל גאָר וועלן פאָרן איבער דער יידישער גאַס?"

דער רב האָט אויך ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן. האָט ער גענומען אַ ספר־תורה אין די הענט און זיך געשטעלט לעבן זיין הויז צו באַגעגענען דעם פויפס. נייגעריקע און צעשראָקענע פנימער האָבן אַרויסגעקוקט פון די קליינע שויבן אין די פענצ־טער.

און ווי נאָר דער פויפס איז אַריבערגעפאָרן די „יידישע בריק", האָט ער דערפילט, אַז ער טוט עפּעס אָן שום ציל, אָן שום זינען. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך, פאַר דעם שרעק אויף די פנימער, פאַר דעם רב מיט דער ספר־תורה. אָבער ער איז רואיק געזעסן און האָט געשמייכלט. ער איז צוגעוואוינט צו זען פאַר זיך מענטשן וואָס וואַרפן זיך אויף די קני. און זיינע הענט זיינען שוין געווען צוגעוואוינט צו צלמען די מענטשן אויף די קני. איצט האָט ער געהאַלטן די הענט צונויפגעלייגט, אַז זיי אַליין זאָלן ניט וועלן צלמען.

און ער האָט זיך דערמאָנט אַ מעשה וועגן אַ זון וואָס איז אַוועק פון דער היים און האָט נאָך יאָרן וואַנדערן אין דער פרעמד

זיך צוריקגעקערט צום שוועל פון פּאַטערס הויז. און ער האָט זיך צעשמייכלט. ער האָט אָבער אין האַרצן געטראַכט:

„ניט אַזוי קערט זיך צוריק אַהיים אַ פאַרבלאָנדזשעטער זון, ניט פאַרנדיק אין אַזאַ פײַנער קאַרעטע, און ניט מיט אַזאַ באַגלייטונג, און ניט ווי דער הערשער איבער זײַנע ברידער, ניט אַזוי!"

און דאָ דערהערט ער ווי אַ קאַרדינאַל בייגט זיך צו פּעטרוס פון פאָרטום און זאָגט אים אויפן אויער, אָבער אַזוי אַז דער פּויפּס זאָל הערן:

— „עס איז שלעכט, עס ציט אים אַהיים".

די ייִדישע גאַס האָט זיך שוין געענדיקט און דער פּויפּס איז געפאָרן צוריק.

י. ביז צו דער שול

אַז עס האָט אים טאַקע געצויגן „אַהיים". דער פּויפּס איז נאָך אומרואיקער געוואָרן. עס האָט אין גיכן געזאָלט קומען דער טאָג, ווען מען דאַרף ראַדזשערן קרוינען פאַרן קיניג פון סיציליע. טראַפּעאַ וועט קומען צו דער צערעמאָניע.

דער פּויפּס האָט מיט אומרואיקייט געוואַרט אויף טראַפּעאַן. אָבער זי איז געווען אין רוים נאָר עטלעכע טעג. זי האָט געוואוינט אין דעם אַלטן פּאַלאַץ פון די פּיערלעאָנים, און דער פּויפּס האָט זי געזען נאָר איין מאָל, בײַ דער פּײַערלעכער צערעמאָניע. ער האָט קיין מאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט צו רעדן מיט איר. און נאָר ווען ער האָט זי געבענטשט, האָט ער שטילערהייט איר געזאָגט:

— „טראַפּעאַ, שוועסטער מײַנע!" — און טראַפּעאַ האָט מיט צופרידנקייט און דאַנק אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

ווען טראַפּעאַ איז אויפֿגעוואַקסן...

ווען טראַפּעאַ איז אַוועקגעפֿאָרן, איז דער פּויפּס געוואָרן נאָך אומרואיקער. ער האָט אָפֿט געקלערט:

„איך האָב איין נאָנעטן מענטשן אין דער גאַנצער וועלט, אָבער זי איז אין אַן אַנדער שטאַָט."

און עס איז געוואַקסן אין דעם פּויפּס די בענקשאַפֿט נאָך יידן. אָבער ווי קומט מען צו זיי? ער וועט מער ניט טאָן די נאַרישקייט און וועט מער ניט פֿאָרן איבער דער יידישער גאַס. ער וויל אָבער קומען אַהין!

ער האָט געקראָגן קליידער פֿון איינעם פֿון פּיערלעאָנים דינערס און האָט זיך פֿאַרשטעלט. אין אַ האַרבסטיקן אָוונט האָט ער זיך געלאָזט צו דער יידישער גאַס.

אַן עלטערע פֿרוי האָט אים אָפּגעשטעלט:

— „מיין האַר, איך האָב וואונדער־טראָפּנס, ליבע־טראָפּנס צו פֿאַרקויפֿן. ניט טייער! עס איז גענוג איינצוגעבן איר אַ פּאָר טראָפּנס, און זי וועט אייך ליב האָבן דאָס גאַנצע לעבן. קויפֿט, מיין האַר! אַלע קויפֿן עס! אויב איר ווילט ניט קיין ליבע־טראָפּנס, קען איך אייך פֿאָרויסזאָגן וואָס עס וועט געשען מיט אייך..."

— „שעם זיך, אַלטע!" — האָט זיך אַריינגעמישט אַ פֿאַרבייגייענדיקער ייד — „עס איז יום־טוב באַלד, און דו האַנדלסט נאָך!"

— „איך האַנדל? מיט וואָס האַנדל איך דאָס? איך בין אַן אָרעמע פֿרוי און איך דאַרף אויף יום־טוב".

דער האַר האָט קיין וואונדער־טראָפּנס ניט געקויפֿט, ער האָט דערזען, ווי אַ סך אויסגעפּוצטע יידן גייען. ער איז מיטגעגאַנגען און צוגעקומען צו דער שול. צי זאָל ער אַריינגיין?

יא. מעשׂיות פון אַמאָל

אַ־ון דער פאַרבלאָנדזשעטער זון איז אַרײַן אין שול. עס איז געװען זײער ליכטיק. די שול איז געװען געפּאַקט. אָבער עס איז דאָך געװען שטיל.

אַלע ייִדן זײַנען געשטאַנען אײַנגעװיקלטע אין טליתים. עס איז געװען אַ װאַלד פון װײַסע שטאָלצע בײמער. טײל האָבן עפּעס געזאָגט אין דער שטיל. אַזױ װי אַ װינטל װאָלט שפּאַצירט איבער צװײַגן פון בײמער. די איבעריקע האָבן גע־װאָרט. די װאָס זײַנען שפּעט געקומען, האָבן שטיל פאַרנומען זײ־ערע ערטער און גיך זיך אָנגעטאָן די טליתים.

די פּנימער זײַנען געװען ערנסט און רואיק. די אױגן האָבן געלױכטן מיט זיכערקײט און מיט גלױבן. אױף דער בימה איז אַרױף דער אַלטער רבֿ.

און דער אַלטער רבֿ האָט דערצײלט, װי מען האָט געפּײַערט דעם הײליקן טאָג יום־כּיפּור אין דעם בית־המקדש. ער האָט דער־צײלט װי אַזױ דער כּהן־גדול האָט זיך געגרײט אַרײַנצוקומען אין דעם הײליקסטן טײל פון בית־המקדש, אין קדשי־קדשים, װאוהין קײנער האָט קײן מאָל ניט געטאָרט אַרײַן. און דער כּהן־גדול האָט דאָרטן געקענט זײַן נאָר אײן מאָל אין יאָר, יום־כּיפּור.

נאָך דעם האָט דער רבֿ דערצײלט:

דער בית־המקדש איז חרובֿ געװאָרן. אײן מאָל איז דער פירער פון ייִדישן פֿאָלק רבי יוחנן בן זכּאי געגאַנגען מיט אײנעם פון זײַנע תּלמידים איבערן אָרט װאו דער בית־המקדש איז גע־שטאַנען. האָט דער תּלמיד געזאָגט דעם רבין:

„װײ איז צו אונדז! חרובֿ איז דאָס אָרט װאו ייִדן זײַנען פאַרגעבן געװאָרן. װי אַזױ און װאו װעלן מיר איצט פאַרגעבן װערן?"

האָט רבי יוחנן בן זכּאי געענטפערט דעם תּלמיד זײַנעם:

„זאָל עס דיך ניט פאַרדריסן. מיר האָבן אַ בעסערן מיטל פאַרגעבן צו ווערן — צו טאָן גוטס. ווײַל גאָט זאָגט: „גוטס־קייט וויל איך, ניט קײַן קרבנות!"

דער פאַרבלאָנדזשעטער זון האָט נאָך דעם אויפגעהערט צו פאַרשטיין. דער רב האָט אַרויסגערעדט ווערטער וואָס ער האָט זיי קיין מאָל ניט געוואוסט אָדער ער האָט זיי פאַרגעסן. פּלוצ־לונג האָט ער אין גאַנצן אָנגעהויבן צו ציטערן. דער רב האָט דערציילט די מעשׂה מיט ר' אַמנונען, די אַלטע־אַלטע מעשׂה פון מײַנץ מיט דעם הייליקן ייִד וואָס מען האָט אים אָפּגעהאַקט די פיס. און ר' אַמנון בעט, מע זאָל אים טראָגן אין שול. ער וויל לויבן גאָט!

לעבן דער טיר שטייט אַ פרעמדער, דער איינציקער וואָס טראָגט ניט קיין טלית. ער ווישט זיך די אויגן. ער איז אַ געזונ־טער שיינער מאַן. אָבער עס דוכט זיך אים אַז ער איז נאָר פינף יאָר אַלט, אַז ער הייסט אלחנן און אַז די אַלטע גאָלדע האַלט אים אויפן שויס, גלעט אים דאָס קעפּעלע און דערציילט אים די מעשׂה.

יב. אין דער נאַכט פון כּל נדרי

דער רב האָט דערציילט וועגן די ייִדישע צרות און אומ־גליקן אין מײַנץ, אין וואָרמס, אין אַנדערע דײַטשי־שע שטעט. ער האָט דערציילט אַז אהער קיין רוים זײַנען געקומען פּליטים פון דײַטשלאַנד. די פּליטים פון דײַטשלאַנד האָבן געבראַכט מיט זיך זייער אַ שיינעם ניגון פאַר דער נאַכט פון יום־כּיפּור. דאָס איז אַ ניגון פאַר כּל נדרי. דער רב וויל אַז די ייִדן אין רוים זאָלן איבערנע־מען אָט דעם ניגון. האָט ער געבעטן איינעם פון די פּליטים, ר' משולם פון רעגנסבורג, ער זאָל זײַן דער חזן, און אַ פּאָר

בחורים פון דײַטשלאַנד זאָלן זײַן די זינגערס.

און ווי נאָר דער רב האָט געענדיקט, האָט זיך איבער דער ליכטיקער שול געטראָגן דער פֿײַערלעכער ניגון פון כל־נדרי. און די טענער האָבן אַרײַנגערעדט אין די הערצער:

ס׳איז שווער צו זײַן אַ ייִד, אָבער עס איז גוט, עס איז דערהויבן צו זײַן אַ ייִד; און ווען מע דאַרף באַצאָלן מיטן לעבן פאַרן זײַן אַ ייִד — זאָל מען זיך אויך ניט אָפּזאָגן צו בלײַבן אַ ייִד...

—ווי נישטיק איך בין! — האָט דערבײַ געקלערט דער פאַרשטעלטער פּויפּס — איך מוז זיך ראַטעווען! צוריק צו זיי, צוריק אַהיים!

ער איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער די גאַנצע צײַט. נאָר ווען מען האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן די שול, איז ער אויך אַרויס. ער האָט ניט געהאַט קיין היים און ניט געדאַרפט זיך אײַלן. האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט פון שול און באַטראַכט די ייִדן וואָס זײַנען אַרויסגעקומען.

איינער פון די לעצטע איז אַרויס ר׳ משולם פון רעגנסבורג. מיט אים איז געווען אַ יונגער בחור. און דער פרעמדער הערט ווי ער זאָגט צום בחור:

— „לאָמיר דאָ וואַרטן אויף רבקהן. מײַן טאָכטער קומט באַלד אַראָפּ פון דער ווײַבערשול. זי איז אַזאַ טײַערע נשמה!״

און עס קומט באַלד צו רבקה און זי הייבט אָן צו ריידן וועגן דעם נײַעם ניגון פון כל־נדרי וואָס האָט פאַרכאַפּט, פאַרכישופט אַלע ייִדן אין רוים.

—„ניט אומזיסט זײַנען מיר געקומען קיין רוים״, — רעדט זי ווײַטער און אַלע דרײַ הייבן אָן צו גיין, — „מיר האָבן טאַקע ניט געטראָפן בײַ די טויערן פון רוים דעם יונגן בעטלער מיט די צעוואונדיקטע פיס, אָבער דערפאַר האָבן מיר געזען דעם יונגן פּויפּס און געבראַכט פאַר די ייִדן אין רוים דעם ניגון פון כל־נדרי.״

— „דו רעדסט אזוי מאָדנע, מײַן טאָכטער", — איז ר' משולם געווען אומצופרידן — „וואָס מישסטו צוזאַמען דעם ניגון פון כּל־נדרי מיטן פויפס?"

— „ווער ווייסט?" — ענטפערט רבקה פאַרטראַכט — „אפשר מישט זיך אַלץ צוזאַמען אין איין גרויסן סוד".

— „לאָמיר גיין גיכער", — זאָגט שטיל דער בחור —„מיר דוכט זיך אַז עמעצער גייט אונדז נאָך."

יג. דאָס איז ער, ער!

„מיר האָבן ניט געדאַרפט בלײַבן די לעצטע" — זאָגט ר' משולם — „די גאַס איז אין גאַנצן אַ ליידיקע."

— „וואָס האָט איר מורא?" — פרעגט רבקה — „איינער גייט אונדז נאָך און דאָ זײַנען דאָך צוויי מע־נער."

— „אויב מע גייט נאָך בײַנאַכט, האָט מען דערבײַ בייזע געדאַנקען" — זאָגט ר' משולם.

— „לאָמיר גיכער גיין", — איז אומרואיק דער בחור.

— „לאָמיר זיך אָפּשטעלן. וועט דער פרעמדער צוקומען צו אונדז און מיר וועלן אים פרעגן וואָס ער דאַרף." — לייגט רבקה פאָר. און זי שטעלט זיך אָפּ און דרייט זיך אום.

זי דערזעט אַ מענטשן וואָס שטעלט זיך אויך אָפּ און בלײַבט שטיין אין שאָטן פון אַ וואַנט אַזוי אַז די לבנה זאָל אים ניט באַלײַכטן. און רבקה שרײַט אוים:

— „קומט אַהער, פרעמדער, און זאָגט אונדז וואָס איר דאַרפט."

— „זי איז אַראָפּ פון זינען!" — זאָגט איר פאָטער אין דער שטיל.

און דער פרעמדער קומט צו, פאַרבייגט זיך און זאָגט:

— „איך בין אַ פרעמדער און ניט קיין ייִד. איך בין אָבער

געווען אין שול און געהערט דעם שיינעם ניגון. איך וואָלט וועלן קענען דעם ניגון. איך וויל הערן נאָך אַזעלכע שיינע ניגונים. איך וויל הערן נאָר אַזעלכע שיינע מעשׂיות ווי דער רבֿ האָט דערציילט."

— „אָבער וואָס ווילט איר פֿון אונדז?" — האָט ר' משולם אים איבערגעריסן.

— „נעמט מיך מיט צו זיך אַהיים. לערנט מיט מיר. דערציילט מיר, זינגט פֿאַר מיר. איך וויל ווערן אַ ייִד."

— „ס'איז שוין אין מיטן נאַכט. גייט זיך אײַער וועג, פֿרעמדער. און אויב איר ווילט ווערן אַ ייִד — גייט צום רבֿ. מיר זײַנען דאָ אויך פֿרעמדע און מיר מישן זיך ניט אין אַזעלכע זאַכן," — האָט ר' משולם געענטפֿערט און געטראַכט אַז דער פֿרעמדער איז ניט בײַם זינען.

דער פֿרעמדער האָט זיך אָבער ניט גערירט פֿון אָרט. ער האָט ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פֿון רבֿקהן, וואָס איז געשטאַנען אַ באַגאָסענע מיט לבֿנה־ליכט. אײַנגעהילט אין אַ ווײַס זײַדן טוך, האָט רבֿקה אויסגעזען בלאַסער און העכער ווי זי איז געווען. אירע ליכטיקע בלוי־גרויע אויגן זײַנען איצט געווען שוואַרץ און פֿון די לאַנגע וויִעס האָט זיך אַ שאָטן געלייגט איבער די באַקן. זי האָט געשוויגן און רויִק באַטראַכט דעם מאָדנעם מענטשן.

— „נעמט מיך מיט צו זיך אַהיים", — האָט דער פֿרעמדער אַרויסגעזאָגט נאָך אַ פּאָר מינוט שווײַגן — „איך האָב ניט וואוהין צו גיין. איך וויל גיין מיט אײַך, בלײַבן בײַ אײַך!"

רבֿקהס אויגן האָבן פּלוצלונג זיך געעפֿנט אין פֿאַרוואונדערונג און שרעק. זי האָט ניט געקענט זיך אײַנהאַלטן און אַ געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אירע ליפּן:

— „דאָס איז ער, ער!"

— „ווער ער?" — האָט אַ דערשראָקענער געפֿרעגט דער פֿאָטער אירער.

— „ער, ער, דער קאַרדינאַל פון טראַסטעווערע, דער איצ־טיקער...״

רבקה האָט ניט געענדיקט. ר׳ משולם האָט מיט דער האַנט פאַרשטעלט איר דאָס מויל. דער פרעמדער האָט גענומען לויפן, אַזוי ווי עס לויפט אַ גנב וואָס מע וויל אים כאַפּן . . .

שטיל און ליידיק איז געווען די יידישע גאַס. די לבנה האָט געלויכטן. פון וויַיטן האָט מען געהערט אַ בילן פון אַ הונט.

יד. אונטער טיטוסעס טריאומף־בויגן

דער פאַרבלאָנדזשעטער זון האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווען ער איז שוין געווען וויַיט פון דער יידישער גאַס. ער האָט זיך געווישט דעם שוויים און געטראַכט אַז ער איז קראַנק. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער איז געלאָפן אַ מאָל אין אַ וואַלד, ווי ער האָט אַרויפגעקלעטערט אויף אַ בוים, ווי מען האָט אים נאָכגעיאָגט מיט הינט. וואָס זשע לויפט ער אָבער איצט? קיינער יאָגט אים דאָך ניט. פון וועמען וויל ער עס אַנטלויפן? וואָס איז ער אַנטלאָפן פון רבקהן?

ווען ער איז געקומען אין דער יידישער גאַס, האָט ער דאָך געהאָפט זי צו טרעפן. און ווען ער האָט זי געטראָפן — פאַר־וואָס איז ער אַנטלאָפן? יאָ, ער איז אַנטלאָפן פון רבקהס שרעק. אַז ער קומט צו איר ווי אַ פרעמדער, קוקט זי אים אָן מיט שרעק. זי קען אים ניט פאַרגעסן, זי דערקענט אים, אָבער זי שרעקט זיך פאַר אים. וואָס טוט מען, אַז זי זאָל זיך ניט שרעקן?

אָן אַ ציל און ניט ווייסנדיק וואוהין ער גייט, האָט דער פאַרשטעלטער פויפס געבלאָנדזשעט איבער די גאַסן פון רוים. ער איז דערגעגאַנגען צו טיטוסעס טריאומף־בויגן און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דער טריאומף־בויגן איז געווען באַלויכטן פון דער לבנה.

מען האָט געקענט זען פיגורן פון די ייִדן וואָס ווערן געטריבן אין שקלאַפעריַי. מען האָט געקענט זען די הייליקע כּלים פון בית-המקדש וואָס טיטוס האָט אַוועקגערויבט.

אין די אויערן האָט נאָך געקלונגען דער ניגון פון כּל-נדרי. פאַר די אויגן איז נאָך געשטאַנען רבקה, איַינגעהילט אין דעם ווייַסן זייַדענעם טוך. און אין קאָפּ איז געווען איין געדאַנק:

מען האָט טאַקע פאַר טיטוסן געמאַכט אַ טריאומף-בויגן. אָבער טיטוס האָט קיין מאָל ניט געזיגט. די ייִדישע רבקה קען מען ניט באַזיגן.

טו. רוים און ירושלים.

די לבנה האָט זיך שוין לאַנג באַהאַלטן הינטער די וואָלקנס. עס האָט זיך געשטאַרקט דער האַרבסטיקער ווינט. די בייַנאַכטיקע גאַסן פון רוים זייַנען געווען ליידיק, און אי־בער זיי איז געגאַנגען דער פאַרשטעלטער פויפּס.

עס איז די נאַכט פון יום-כּיפּור! — האָט ער געטראַכט — אַ הייליקע נאַכט פון אַ הייליק פאָלק, פון מייַן פאָלק! ווי שוואַך און ווי שטאַרק עס איז מייַן פאָלק!

אַ הייפעלע ייִדן אין רוים, נאָר אַ הייפעלע! זייערע אור־עלטערן זייַנען אַליין געקומען אָהער אָדער טיטוס האָט זיי גע־בראַכט ווי שקלאַפן. און זיי זייַנען דאָ געבליבן אייביקע עדות. זיי האָבן געזען ווי עס זייַנען געקומען ווילדע פעלקער, געקומען, געהערשט און פאַרשוואונדן. און זיי זייַנען געבליבן. עס זייַ־נען געבליבן זייַלן פון מירמלשטיין און ייִדן. די צייַט וואַרפט אום די זייַלן פון מירמלשטיין. און ייִדן בלייַבן. זייַנען זיי דען ניט שטאַרקער ווי די זייַלן פון מירמלשטיין?

ער האָט געטראַכט וועגן זייַן לעבן און וועגן דעם לעבן פון



זײַן פֿאָלק. אַ פֿאַרשטעלטער גייט ער אַרום איבער די גאַסן פֿון רוים. ווען מע דערקענט אים — דערשרעקט מען זיך. ער איז דער הערשער איבער רוים און דער געפֿאַנגענער אין רוים. האָט אים אויך טיטוס, דער צעשטערער פֿון ירושלים, געבראַכט אַהער קיין רוים?

און די ייִדן זײַנען דאָ אויך פֿאַרשטעלטע. ווען זיי דאַרפֿן זײַן בײַ אַ פּײַערלעכער צערעמאָניע, בייגן זיי אַראָפּ די קעפּ ווי שקלאַפֿן. אָבער ווען זיי זײַנען אַליין, זײַנען זיי אַזוי שטאָלץ און זיכער ווי הערשערס.

ווען וועל איך מער ניט זײַן קיין פֿאַרשטעלטער? —האָט ער געטראַכט — ווען וועל איך ווידער זײַן איינער פֿון מײַנע ברידער?

און ער האָט בײַ זיך אין האַרצן פֿעסט באַשלאָסן — ער וועט זיך צוריקקערן! קיינער און קיין זאַך וועט אים איצט ניט אָפּשטעלן: ניט דער פֿאָטער פֿעליקס, ניט טראָפֿעאַ, ניט די איי־גענע שוואַכקייט.

יאָ, ער האָט ליב די שטאָט רוים, וואָס ער קען זי אַזוי גוט. ער איז קיין מאָל ניט געווען אין ירושלים. אָבער בײַ זיך אין האַרצן האָט ער געפֿילט אַ בענקען נאָכן ייִדישן ירושלים. ירו־שלים איז דאָך העכער! וואָס זאָגט דען רוים דער וועלט? ווער עס איז שטאַרק — דער הערשט. און וואָס זאָגט ירושלים? עס בלײַבט לעבן דער וואָס גלייבט, און אייביק איז דאָס שטרעבן צו יושר.

און וואָס האָב איך פֿון מײַן מאַכט? און וואָס דאַרף איך הערשן? און קען איך דען זײַן אין רוים און אין ירושלים אין דער זעלביקער צײַט? קען איך דען זײַן ניט־ייִד און ייִד אין דער זעלביקער צײַט?

טז. אַ גנב אָדער אַ שפּיאָן

ער איז צוגעגאַנגען צום טויער פון לאַטעראַן. עס איז שוין באַלד געווען באַגינען.

„העי, פּרעמדער!“ — האָבן אים אָפּגעשטעלט די וועכטערס — „מע קריכט ניט אַהער. דאָ לעבט דער פּויפּס!“

— „איך בין איינער פון פּיערלעאָנים דינערס און איך קען אַרײַנקומען אין לאַטעראַן.“

— „וואָס איז די נאַכט דאָס געהיימע וואָרט אויף דורכ־צוגיין?“ — האָט איינער פון די וועכטערס געפרעגט.

דער פאַרשטעלטער פּויפּס האָט זיך דערמאָנט: ער אַליין האָט אײַנגעשטעלט, אַז יעדע נאַכט איז דאָ אַן אַנדער געהיים וואָרט, כּדי צו זײַן זיכער, אַז עס וועט ניט אַרײַנקומען קיין זײַ־טיקער. ער האָט ניט געוואָלט ווײַזן אַז ער ווייסט ניט דאָס וואָרט, וואָס דער פּרעפעקט באַשטימט יעדן אָוונט און גיט עס איבער די וועכטערס.

— „רוים און ירושלים“, — האָט ער געענטפערט.

די וועכטערס האָבן זיך צעלאַכט:

— „דו טרעפסט בעסער אָפּ, אַניט וועסטו ניט אַוועק מיט גאַנצע ביינער!“

דער פאַרשטעלטער איז אָפּגעטראָטן. ער האָט זיך דער־מאָנט, ווי ער איז אַ מאָל שוין אַרײַן אין לאַטעראַן בײַנאַכט. ער וועט ווידער אַריבערקריכן אַ וואַנט. אָט דאָ איז זי נידעריי־קער. ער האָט ניט געזען אַז צוויי וועכטערס גייען אים נאָך. ווי ער האָט אָנגעהויבן קריכן, האָט מען אים געגעבן אַ שלעפּ אַראָפּ.

— „ביסט אַ גנבֿ אָדער אַ שפּיאָן!" — האָבן זיי צו אים געשריִען — „קום מיט אונדז!"

— „ער איז אַ שפּיאָן!" — האָט איינער נאָך דעם צוגע־געבן — „ער גייט צו גוט אָנגעטאָן פֿאַר אַ גנבֿ. ווער ווייס פֿון וועמען ער איז געשיקט."

— „דאָס איז אַן אמתער פֿאַרשוין, לאָמיר אים ברענגען צום פּרעפֿעקט!"

דער פּרעפֿעקט טעאָבאַלד איז גלײַך אויפֿגעשטאַנען און אַרום צו די וועכטערס.

— „מיר האָבן געכאַפּט זייער אַ געפֿערלעכן שפּיאָן!" — האָבן זיי דערציילט — „ער זאָגט ניט אוים זײַן נאָמען!"

— „איך וויל בלײַבן מיט פּרעפֿעקט אַליין", — האָט דער געכאַפּטער געזאָגט — „עס וועט אַלץ קלאָר ווערן."

דער פּרעפֿעקט האָט זיך דערוואוסט ווער עס איז דער „שפּיאָן". ער איז געווען זייער פֿאַרוואונדערט. ער האָט אָפּגע־שיקט די וועכטערס, געלאָזן בײַ זיך דעם פֿאַרשטעלטן פּויפּס ביז אין מיטן העלן טאָג. מען האָט שפּעטער געבראַכט פֿאַרן פּויפּס זײַנע קליידער. איידער ער האָט פֿאַרלאָזן דאָס הויז פֿון דעם פּרעפֿעקט, האָט דער פּויפּס געפֿרעגט:

— „און וואָס איז די נאַכט געווען דאָס געהיימע וואָרט אויף דורכצוגיין?"

— „דאָס וואָרט איז געווען יום־כּיפּור. עס איז געווען די יום־כּיפּור־נאַכט בײַ ייִדן, האָב איך דאָס וואָרט גענומען פֿאַר דעם געהיימען צייכן פֿון דער נאַכט".

נאָך דעם האָבן זיך פֿאַרשפּרייט פֿאַרשיידענע קלאַנגען וועגן פּויפּס: יעדע נאַכט פֿאַרלאָזט ער דעם לאַטעראַן; ער פֿירט זיך אויף זייער שלעכט. די פּיערלעאָנים ווידער האָבן דערציילט: די פֿראַנדזשיפּאַנים האָבן געשיקט אַ מענטשן צו טייטן דעם פּויפּס.

יז. דער פאַלשער פויפס.

פון יענער נאכט אָן האָט דער פויפס אַנאַקלעט דער צוויי־טער געקראָגן נאָך אַ שונא — דאָס איז געווען דער פרעפעקט פון דער שטאָט רוים. ער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן פאַר אינאָקענט, דעם פאַלשן פויפס וואָס איז געזעסן אין פראַנקרײַך.

אינאָקענט האָט איצט שוין געהאַט אויף זײַן זײַט גאַנץ פראַנקרײַך. דער מאָנאַך בערנאַר פון קלערוואָ האָט געאַרבעט פאַר אים. און דעם מאָנאַך האָבן אַ סך קריסטן באַטראַכט ווי אַ הייליקן. ער האָט געהאַלטן פלאַמיקע רעדעס קעגן אַנאַקלעט דעם צווייטן און געהעצט קעגן דעם ייִד וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם פויפסלעכן טראָן. ענגלאַנד און שפּאַניע האָבן שוין אויך געהאַלטן פאַר אינאָקענט דעם צווייטן.

דער פאַלשער פויפס האָט זיך דערוואוסט פון פרעפעקט פון רוים, אַז זײַן קעגנער איז אַרײַנגעפאַלן און אַז מע פאַר־שפּרייט ווענן אים שלעכטע קלאַנגען. האָט ער באַשלאָסן אַז איצט איז געקומען די צײַט צו פאַרטרײַבן דעם פויפס פון רוים.

אין דײַטשלאַנד זײַנען אויך געווען צוויי קייסאָרים, ווי עס זײַנען געווען צוויי פויפסן. שטאַרקער איז געווען לאָטאַר און ער האָט פאַרנומען דעם טראָן. זײַן קעגנער איז געווען קאָנראַד, און ער איז געווען אין לאָמבאַרדיע. האָט אינאָקענט געשיקט זײַנע מענטשן צו לאָטאַרן און אים אײַנגערעדט אַז ער זאָל זיך שטעלן אויף זײַן זײַט.

און לאָטאַר האָט גענומען זײַנע ריטערס און איז מיט זיי אַוועק קיין איטאַליע כּדי צו פאַרטרײַבן אַנאַקלעטן און אַרויפ־זעצן אויף זײַן אָרט אינאָקענטן.

דער פאַלשער פּויפּס איז דערווײַל געקומען אין דער שטאָט פּיזאַ, וואָס האָט שוין פון לאַנג קאָנקורירט מיט רוים. ער האָט אײַנגערעדט די פּירערס פון פּיזאַ, אַז ווען ער וועט ווערן דער פּויפּס אין רוים, וועט ער זען אַז דער גאַנצער האַנדל זאָל זײַן אין די הענט פון פּיזאַ. האָבן יענע געשיקט אַ פלאָט צו קעמפן קעגן רוים.

קאָנראַד, לאָטאַרס קעגנער, איז אַנטלאָפן פון לאָמבאַרדיע. לאָטאַר האָט אײַנגענומען אַלע שטעט פון צפון־איטאַליע און איז געגאַנגען אויף רוים.

אין רוים האָבן די פראַנדזשיפּאַנים און דער פּרעפעקט געאַרבעט פאַרן פאַלשן פּויפּס. אַנאַקלעט איז געווען אין אַ שווערער לאַגע.

— „איך וועל זיך אָפּזאָגן פון צו זײַן דער פּויפּס און זאָל ווערן שלום", — האָט אַנאַקלעט דער צווייטער געזאָגט צו זײַן קאַרדינאַל פּעטרוס פון פּאַרטוס.

— „איר וועט עס ניט טאָן", — האָט דער קאַרדינאַל געענטפערט — „ווײַל קיינער וועט ניט פאַרשטיין, אַז איר ווילט שלום אין דער קירך. מע וועט זאָגן: „דער ייִד האָט זיך דערשראָקן". און איר וועט אויך ניט פאַרלאָזן אײַערע פרײַנד וואָס זײַנען פון אָנהייב אָן געווען מיט אײַך".

— „אָבער מע מוז געפינען אַ וועג וואָס זאָל פירן צו שלום!" — האָט דער פּויפּס געענטפערט, — „דאָס לאַנד לײַדט פון די מלחמות און מער פון אַלע לײַדן די אָרעמע מענטשן".

— „ניט מיר האָבן די מלחמות אָנגעהויבן און ניט מיר זײַנען אין זיי שולדיק", — האָט דער קאַרדינאַל פאַרענדיקט דעם שמועס.

יח. דער בישאָף טאָמאַס.

נאָך דעם האָט דער פּויפּס אַנאַקלעט דער צווייטער געשיקט מענטשן צום קייסער לאָטאַר. און די מענטשן פון פּויפּס האָבן פאָרגעלייגט:

„זאָל דער קייסער צונויפרופן אַן אומפּאַרטייאישע פאַרזאַמלונג פון אַלע קאַרדינאַלן און פון אַלע פירערס פון דער קירך, און זאָל מען איבערקלייַבן דעם פּויפּס. ווער עס וועט אויסגעקליבן ווערן — בלייַבט דער פּויפּס!"

דער קייסער לאָטאַר איז שוין געווען אין וויטערבאָ, ניט וויַיט פון רוים, ווען מען איז געקומען צו אים מיט אַזאַ פּלאַן. דער פּלאַן איז דעם קייסער געפעלן געוואָרן. ער האָט געוואוסט אַז ער האָט ניט גענוג מענטשן מיט זיך און ער איז ניט געווען זיכער, צי ער וועט טאַקע קענען באַזיגן דעם קיניג פון סיציליע וואָס האָט געהאַלטן פאַר דעם פּויפּס אַנאַקלעט.

דער קייסער האָט גערופן זייַנע נאָענטע מענטשן און זיי געפרעגט, וואָס ער זאָל טאָן. אַלע האָבן געענטפערט:

— „דער פּלאַן איבערצוקלייַבן דעם פּויפּס איז אַ גערעכטער און אַ גוטער".

נאָר איין בישאָף איז געווען צווישן אָט די מענטשן. ער האָט געהייסן טאָמאַס און איז געווען אַ פאַרביסענער שונא פון ייִדן. ער איז אַרויס מיט אַ לאַנגער רעדע:

— „דער ייִד וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם הייליקן טראָן פון די פּויפּסן וויל דאָ אונדז איבערקליגן. ער וועט אונטערקויפן קאַרדינאַלן, ער וועט שוין מאַכן אַזעלכע קונצן — ער זאָל ווידער קריגן מער שטימען. אַלע אמתע קריסטן זייַנען קעגן אים. ווען דער קייסער זאָל צושטימען צו דעם ייִדנס פּלאַן, וועט ער מיט דעם פאַרקויפן די קירך. אויסראָטן דאַרף מען די ייִדן און אָנ-

הייבן דאַרף מען פון דעם ייִד וואָס האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן טראָן פון די פּויפּסן!"

דער בישאָף טאָמאָס האָט געפּאַכעט מיט אַ גרויסן צלם וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

— „מיר ציִען ווײַטער!" — האָט באַשלאָסן דער קייסער.

— „קיין רוים, קיין רוים, צו ראַטעווען די קירך און צו קוילען ייִדן!" — האָט געשריִען דער בישאָף טאָמאָס.

יט. דער פאַרלאָזענער פּויפּס.

און דער קייסער לאָטאַר איז געקומען פאַר די טויערן פון רוים. און דער פּרעפעקט פון רוים און די פראַנ־דזשיפּאַנים און נאָך אַנדערע אַדלײַט האָבן פאַר אים געעפנט די טויערן. דער פאַלשער פּויפּס האָט זיך באַ־זעצט אין לאַטעראַן, דער קייסער האָט זיך באַזעצט אין אַלטן אַווענטין, וואָס האָט שוין געזען אַזוי פיל קייסאָרים. די ריטערס פון דעם קייסער האָבן אויסגעשטעלט בײַדלעך אַרום דער קירך פון הייליקן פּאַולוס. די שיפן פון פּיזאַ זײַנען אַרײַן אין טיבער. און דער פאַלשער פּויפּס האָט איצט געזאָלט לאָטאַרן קרוינען פאַרן קייסער פון דײַטשלאַנד.

אַרום אַנאַקלעט דעם צווייטן זײַנען געבליבן נאָר אַ פּאָר געטרײַע קאַרדינאַלן. מיט אים האָבן געהאַלטן נאָר די פּשוטע מענטשן פון רוים און פון גאַנץ איטאַליע. זיי זײַנען אָבער גע־ווען צו שוואַך. און ראָדזשער, דער קיניג פון סיציליע, איז דער־ווײַל געווען צו ווײַט.

דער פּויפּס האָט זיך געראַטעוועט אין דעם אַלטן פּאַלאַץ פון די פּיערלעאָנים. נאָך דעם איז ער אַריבער אין אַן אַנדער פּאַלאַץ וואָס איז געווען בעסער באַפעסטיקט און זיך געפונען אויף דער זייט טיבער, וואו עס האָבן געוואוינט די ייִדן. איצט אָבער האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט זיך ניט אונטערגעבן. ער

וועט מער ניט זוכן קיין שלום. ער וועט ווייזן אַז אַ ייד קען זיך פאַרטיידיקן!

איין מאָל איז צו אים געקומען אַן עלטערער ייד. מען האָט געוואוסט אַז די יידן האַלטן פאַר אַנאַקלעט דעם צווייטן, ווייל זיי האָבן מורא — אינאַקענט און שלעכטע בישאָפן וועלן זיך אָפּרעכענען מיט אַלע יידן. האָט מען דעם ייד צוגעלאָזט צום פּויפּס.

— „איך היים משולם און איך שטאַם פון רעגענסבורג,״ — האָט דער ייד אָנגעהויבן, — „דער פּויפּס האָט אַ מאָל געראַטעוועט מיין טאָכטער פון אַ בייזן ריטער.״

— „איך געדענק,״ — האָט אים איבערגעריסן דער פּויפּס, — „און וואָס מאַכט איצט דיין טאָכטער?״

— „זי איז אַ טייערע נשמה״, — האָט דער ייד געענטפערט, — „אָבער זי איז זייער אַ מאָדנע. זי וויל ניט חתונה האָבן. אָבער ניט וועגן איר בין איך איצט געקומען. זאָגט אונדז, וואָס מיר קענען טאָן פאַר אייך, איך און די אַנדערע יידן. איך בין אייך שולדיק אַ חוב. און די אַנדערע יידן ווילן אויך ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן, ווייל אייערע שונאים זיינען אונדזערע שונאים״.

— „איך דאַנק פאַר די פריינדלעכע רייד״, — האָט דער פּויפּס געזאָגט, — „און דו קענסט מיר טאַקע העלפן — איך האָב שוין געשיקט בריוו צום קיניג ראַדזשער, אָבער איך ווייס ניט ווי צו עם זיינען אָנגעקומען צו אים די בריוו.״

— „איך וועל ברענגען דעם פּויפּס׳ בריוו צו וועמען דער פּויפּס וויל נאָר. איך בין שוין דורכגעגאַנגען גענוג געפאַרן אין מיין לעבן און איך ווייס ווי זיך צו געבן אַן עצה. דער בריוו, וואָס איך וועל אים פירן, וועט דערגיין״.

— „איך בין צופרידן וואָס דער ייד וואָס האָט זיך געוואָרפן אונטער מיינע פערד קען מיר איצט אָפּדינען, ווען אַנדערע, אַ סך שטאַרקערע, אָבער דערפאַר פאַלשע האָבן מיך פאַרלאָזן״.

און משולם האָט גענומען דעם בריוו פון פויפס צום קיניג ראַדזשער און צוגעזאָגט:

— „קיין שום געפאַר וועט מיך ניט אָפּהאַלטן!"

כ. אין אַן אונטערערדישער הייל.

ייִדן האָבן זיך זייער געשראָקן פאַר די ריטערס וואָס דער קייסער לאָטאַר האָט געבראַכט מיט זיך פון דייַטשלאַנד און פאַר די מאָנאַכן וואָס איַנאָקענט, דער פאַלשער פויפס, האָט זיי געבראַכט פון פאַרשיידענע לענדער. די מאָנאַכן האָבן געהעצט קעגן ייִדן און די ריטערס האָבן זיך געוויצלט, אַז זיי וועלן צונעמען פון די ייִדן דאָס גאַנצע געלט וואָס זיי האָבן און אַלע זייערע שיינע טעכטער.

מען האָט די טייַערע שטיינער און דאָס גאָלד, וואָס די ייִדן האָבן געהאַט, צונויפגעטראָגן צום רב. דאָס איז געווען משולמס פּלאַן:

— „קען זיַין מע וועט דאַרפן געלט זיך צו ראַטעווען, אונטערצוקויפן דעם קייסער, ווען אונדזער לעבן וועט זיַין אין געפאַר. קען זיַין אַז זיי וועלן נעמען דאָס געלט און אונדז צו רו לאָזן. טאָ זאָל דאָס גאַנצע געלט זיַין גרייט". — אַזוי האָט משולם גערעדט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון חשובע ייִדן, — „אָבער וואָס טוט מען מיט אונדזערע טעכטער? וואו באַהאַלט מען זיי?"

— „וואו באַהאַלט מען אונדזערע טעכטער?" — האָבן זיך אָפּגערופן נאָך אַ פּאָר שטימען.

האָט דער רב דערציילט:

— „מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָבן ייִדן און קריסטן געדאַרפט זיך באַהאַלטן פון די געצנדינערס אין רוים. האָט מען אויסגעגראָבן אונטער דער ערד היילן. אונטער דער שטאָט רוים זיַינען פאַראַן גענג גאַנצע מיַילן די לענג. פאַראַן גענוג אָרט דאָרטן צו באַהאַלטן אונדזערע שיינע ייִדישע טעכטער. די

קריסטן האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן וועגן די היילן און דעם וועג צו זיי. איך אַליין וועל וויַיזן דעם וועג צו די אונטערערדישע גענג און וועל הייסן מיַין זון, ער זאָל צושטעלן שפּיַיז פאַר די יידישע טעכטער וואָס וועלן זיך דאָרטן באַהאַלטן".

ווען משולם איז אַוועק פון רוים מיטן בריוו פון פויפס, איז ער געווען זיכער: זיַין רבקה וועט ניט אַריַינפאַלן אין די הענט פון דעם קייסערס ריטערס!

עטלעכע צענדליק מיידלעך וואוינען שוין איבער אַ וואָך אונטער דער ערד. די מיידלעך זיַינען איַינגעטיילט אין דריַי גרופּעס, און רבקה איז די פירערין פון איין גרופּע. זי לערנט די חברטעס זינגען לידער, זי דערציילט זיי מעשיות און זי טוט אַלץ, מע זאָל ניט זיַין טרויעריק. רבקה ווייס אָבער אַז דער פאָטער אירער האָט זיך געלאָזט אין אַ געפערלעכן וועג. ווען עס קומט דער מענטש וואָס ברענגט שפּיַיז — פרעגט זי:

— „נאָך אַלץ ניטאָ דער פאָטער? האָט מען וואָס געהערט פון אים? און וואָס טוט זיך אין שטאָט?"

— „אין שטאָט איז היַינט אַ גרויסער פאַראַד. איַינאַקענט האָט געקרוינט לאָטאַרן פאַרן קייסער פון דער הייליקער רוימישער אימפּעריע. דער קייסער האָט איצט געמאַכט אַ באַנקעט. אַלע זיַינע ריטערס זיַינען שיכּור, און אַלע איַיערע נאָענטע זיַינען צופרידן וואָס איר ליגט באַהאַלטן," — האָט דערציילט דעם רבס זון.

— „איצט וואָלט געווען די בעסטע ציַיט זיי צו באַפאַלן!" — האָט רבקה אויסגערופן. — „און מיַין פאָטער האָט דעם בריוו צוגעשטעלט! און דער קיניג ראָדזשער וועט אים ראַטעווען!"

— „איך ווייס ניט וועגן וועלכן בריוו עס רעדט זיך דאָ", — האָט דעם רבס זון געענטפערט, — „און דערוויַיל דאַרפט איר זיך היטן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער איז מיר היַינט נאָכגעגאַנגען. מע דאַרף עס קיינעם ניט דערציילן. נאָר איר דאַרפט אַלע אַריַין אין אַ טיפערער הייל".

כא. געכאַפּט אַ פֿאַרדעכטיקן

ד עם אַנדערן טאָג איז דער מענטש וואָס ברענגט די שפּײַז ניט געקומען. די מיידלעך זײַנען געווען אומרואיק און הונגעריק. רבקה האָט זיי געטרייסט און צוגעגעבן מוט. אָבער ווען עס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט און זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס עס איז געשען אין שטאָט, האָט קיין איינע ניט געקענט אײַנשלאָפֿן. טייל האָבן געוויינט. טייל האָבן געבעטן גאָט אין דער שטיל. רבקה איז געשטאַנען אָפּגעטיילט פֿון אירע חברטעס און זיך צוגעהערט... אפשר וועט זי דערהערן טריט!

און זי האָט טאַקע דערהערט טריט. איבער דער הייל וואו זי איז געווען מיט אירע חברטעס איז עמעצער געגאַנגען מיט אומזיכערע טריט. עס איז געגאַנגען אַ מענטש וואָס ווייס ניט דעם וועג, וואָס האָט מורא צו פֿאַרבלאָנדזשען אין די געדריידלטע גענג אונטער דער ערד: דער וואָס איז געגאַנגען האָט זיך אַ סך מאָל אָפּגעשטעלט, געגאַנגען אַהין און צוריק. ער איז געווען אין יענעם אָרט וואו די מיידלעך האָבן אַ נאַכט פֿריִער געשלאָפֿן.

רבקה האָט זיך דערשראָקן. זי האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט. מיט דער גאַנצער נשמה האָט זי זיך צוגעהערט צו יעדן אָפּקלאַנג פֿון די טריט. און פּלוצלונג האָט זי זיך געגעבן אַ לאָז דורך אַ שמאָלן גאַנג צו דער הייל וואָס איז איבער איר.

אין דער פֿינצטערניש האָט זי אָנגעכאַפּט אַ האַנט אין אַ ברייטן אַרבל פֿון אַ מאָנאַכישן מאַנטל.

דער געכאַפּטער האָט זיך די ערשטע רגע זייער דערשראָקן. אָבער נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבן זיך צו ראַנגלען. רבקה האָט

אים ניט אפגעלאזט. זי האט גערופן די חברטעס. אבער ביז יענע האבן זי דערהערט, ביז וואנעט זיי האבן פארשטאנען פון וואנעט עס קומט צו זיי רבקהס קול און ביז זיי זיינען געקומען איר צו הילף, האט רבקה געקראגן קלעפ פון דעם געכאפטן. זי האט אבער מיטביידע הענט זיך איינגעקלאמערט אין איין האנט פון דעם פרעמדן און אים ניט אפגעלאזט.

ביי א שיין פון א רייכערנדיקן פאקעל, וואס א מיידל האט געבראכט, האט זיך אין דער הייל באוויזן אזא בילד:

צעשראקענע יידישע מיידלעך רינגלען ארום אן אלטן מאַנאַך. און איינע א מיידל האלט אים פעסט פאר א האנט; דער מאנאך ציטערט פון כעס, זיינע אויגן זיינען פארלאפן מיט בלוט און ער ברומט ארוים:

— „פארשאלטענע! זיי האבן ווידער געזיגט! אפילו אונטער דער ערד קען מען פון זיי ניט אנטלויפן!"

— „ווער ביסטו און ווי קומסטו אהער?" — האט רבקה אים געפרעגט.

— „איך בין בישאף טאמאס. אין די אלטע קריסטלעכע קאטאקאמבן אונטער רוים האב איך געוואלט זיך באהאלטן פון ראדזשערס מענטשן וואס האבן זיך געיאגט נאך מיר".

— „חברטעס טייערע!" — האט אויסגערופן רבקה — „איר הערט? ער איז געראטעוועט!"

— „ווער איז געראטעוועט? וואס שרייסטו?" — האט איינע פון די מיידלעך געפרעגט.

— „ער, דער פויפס! מיר זיינען שוין אלע געראטעוועט. קומט, מיר דארפן זיך ניט באהאלטן מער."

כב. זיך ווידער באַגעגנט.

„אַבער וואָס טוען מיר מיט אים?" — האָט די זעלביקע מיידל געפרעגט און געוויזן אויפֿן אַלטן.

— „לאָמיר אים אַלע ברענגען צום פּויפּס. אפשר איז ער אַ וויכטיקער פּאַרשוין. אויב ער איז געלאָפֿן זיך באַהאַלטן, האָט ער דאָך פֿאַר וואָס מורא צו האָבן."

און רבקה און אירע חברטעס זײַנען אַרויס פֿון די אונטערערדישע גענג, מיטשלעפּנדיק מיט זיך דעם אַלטן מאַנאַך. זיי האָבן אים ניט אָפּגעלאָזט. זיי האָבן אים געפֿירט צום פּויפּס אַנאַקלעט דעם צווייטן, וואָס ער איז שוין ווידער געווען אין לאַטעראַן. אינאַקענט איז געלאָפֿן קיין צפֿון, געלאָפֿן גיכער ווי דער קייסער לאָטאַר וואָס האָט געמוזט אָפּטרעטן פֿאַר ראָדזשערס אַרמיי.

אַרומגערינגלט מיט אַ וואַך, איז דער בישאָף טאָמאָס געקומען פֿאַרן טראָן פֿון דעם פּויפּס. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פֿון פּויפּסן איז פֿאַרן טראָן געשטאַנען אַ יידישע מיידל. אירע קליידער זײַנען געווען פֿאַרשטויבט. די אויגן האָבן געברענט. מיט אַן אויפֿגערעגטער שטים האָט זי דערציילט ווי אַזוי זי האָט געכאַפּט דעם מענטשן וואָס איז אַנגעטאָן ווי אַ פּשוטער מאַנאַך, אָבער ער זאָגט אַז ער איז אַ בישאָף. ער הייסט בישאָף טאָמאָס.

דער בישאָף איז געקומען צו זיך. ער האָט גערעדט וועגן זײַנע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער קריסטלעכער קירך און וועגן זײַן ראָלע. ער איז דעם קייסער לאָטאַרס רעכטע האַנט, האָט ער געזאָגט, און אויב ער איז אפֿילו קעגן דעם פּויפּס, איז ער דאָך אַ בישאָף און אַן אַלטער מאַן. ער האָט געבעטן, דער פּויפּס זאָל אים לאָזן פֿרײַ. ער האָט גערעדט וועגן קריסטלעכער ליבע.

דער פויפס האָט אים איבערגעריסן:

— „און וואו איז געווען דיַין קריסטלעכע ליבע, ווען דו האָסט ניט דערלאָזט עס זאָל ווערן שלום אין דער קירך?"

דער בּישאָף האָט ווידער אָנגעהויבּן זיך צו פאַרטיידיקן. נאָר דער פויפס האָט אַ פרעג געטאָן אַ זיַיטיקע זאַך:

— „בּיסטו אין די יונגע יאָרן געווען אַ גלח אין מיַינץ?"

— „יאָ, איך בּין געווען אַ גלח אין מיַינץ".

— „אויב אַזוי, האָבּן מיר זיך שוין אַ מאָל בּאַגעגנט!"

— האָט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים געזאָגט דער פויפס.

— „איך געדענק ניט," — האָט דער בּישאָף געענטפערט אַ צעטומלטער.

— „אָבּער איך געדענק. און כּדי דו זאָלסט זיך דערמאָנען — פאַרשפאַרט אים אין אַ פינצטערן און נאַסן קעלער אויף עט־לעכע טעג און גיט אים קיין זאַך ניט צו עסן. מיר וועלן שפּע־טער בּאַשליסן וואָס צו טאָן מיט אים!"

און ווען די וואַך איז אַרויס מיטן בּישאָף, האָט דער פויפס זיך געווענדט צו רבקהן:

—„איך בּין אַריַינגעפאַלן אין זיַינע הענט, און ער איז אַריַינ־געפאַלן אין דיַינע הענט. גיי און זיַי געבּענטשט. עס וועט קו־מען אַ טאָג, ווען איך וועל דיר דערציילן אַלץ וואָס איך ווייס וועגן אים."

כג. טאָמאַסעס סוף.

דער בּישאָף טאָמאַס האָט זיך ניט דערמאָנט, ווען ער האָט שוין אַ מאָל בּאַגעגנט דעם פויפס. און ער איז שוין קיין מאָל מער ניט געקומען פאַר דעם פויפס' אויגן. דעם קיניג ראַדזשערס סאָלדאַטן האָבּן אים מיטגענו־מען מיט זיך קיין סיציליע. דאָרטן האָט מען אים פאַרשפאַרט אין אַ קלויסטער.

די קיניגין טראַפּעאַ איז מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער געווען אין דעם זעלביקן קלויסטער. דער געפאַנגענער טאַמאַס האָט זיך איינגעבעטן, אַז מע זאָל אים צולאָזן צו איר. ער איז איר גע־פאַלן צו די פּיס און געזאָגט:

— „בעט איַיער ברודער דעם פּויפּס פאַר מיר. ער איז צו מיר שטרענגער ווי צו אַלע אַנדערע. ער האָט געהייסן אַז מע זאָל מיך אַריַינוואַרפן אין אַ פינצטערן קעלער און ניט געבן צו עסן און צו טרינקען. ער האָט מיך פאַרשיקט אַהער. בעט פאַר מיר, אַז ער זאָל מיך אַרויסלאָזן, איך זאָל קענען קומען צוריק קיין דיַיטשלאַנד. איך זאָג צו אַז איך וועל מער קיין מאָל ניט אַרויסטרעטן קעגן אים.”

— „איך מיש זיך ניט אין מיַין ברודערס געשעפטן,” — האָט די קיניגין געענטפערט, — „ער איז גוט צו אַלעמען און איז מוחל אַלעמען. פאַרוואָס איז ער שטרענגער צו איַיך ווי צו די איבעריקע?” — האָט טראַפּעאַ דאָך געפרעגט.

— „דער פּויפּס האָט געזאָגט”, — האָט טאַמאַס געענט־פערט, — „אַז ער האָט מיך שוין פריִער באַגעגנט. איך געדענק ניט ווען און וואו. איך בין קיין מאָל אין איטאַליע פריִער ניט געווען און מיט די פּיערלעאָנים ניט געהאַט צו טאָן.”

— „וואָס נאָך האָט דער פּויפּס איַיך געזאָגט?” — האָט טראַפּעאַ ווידער געפרעגט, ווען דער געפאַנגענער איז שטיל גע־וואָרן.

— „דער פּויפּס האָט געפרעגט, צי איך בין ניט אַמאָל געווען אַ גלח אין מיַינץ. יאָ, איך בין יאָרן לאַנג געווען אין מיַינץ.”

טראַפּעאַס פאַרטראַכטע אויגן זיַינען לעבעדיק געוואָרן. זי האָט געזאָגט אירע היטערס, זיי זאָלן אַרויסגיין. ווען זי איז געבליבן אַליין מיטן בישאָף, האָט זי אָנגעהויבן רואיק צו דער־ציילן:

— „אין מיַינץ איז געווען אַ גלח, וואָס האָט געגנבעט אַ

יידיש קינד. ער האָט דאָס קינד געפּייניקט, עס געשלאָגן, אים ניט געגעבן צו עסן. ווען דאָס קינד איז איין מאָל אַנטלאָפן, האָט ער עס נאָכגעיאָגט מיט הינט. דאָס קינד איז שיער ניט גע־שטאָרבן אין זיינע הענט.״

דער בישאָף טאָמאַס האָט אָנגעהויבן צו ציטערן:

— „איז ניט פויפס אַנאַקלעט דער צווייטער אַ פּיערלעאָני? איז ער ניט אייער ברודער?״

— „ניין, ער שטאַמט פון מיינץ. אַ בייזער גלח האָט איינ־גערעדט אַ נאַרישע פרוי, זי זאָל אים אַרויסגנבענען פון דעם הויז פון זיינע עלטערן.״

טאָמאַס האָט געשוויגן אַ ווײַלע. דערנאָך האָט ער געגעבן אַ ברום אַרויס:

— „ווען ניט איך, וואָלט ער דאָך קיין פויפס ניט געוואָרן! ער דאַרף דאָך מיר דאַנקבאַר זיין.״

— „פאַר וואָס?״ — האָט די קיניגין געפרעגט, — „איר האָט אים געפּייניקט, ווען ער איז געווען אַ קינד, און אים אומ־גליקלעך געמאַכט אויפן גאַנצן לעבן.״

טאָמאַס האָט געוואָלט וואָס זאָגן, אָבער די קיניגין האָט גע־געבן אַ מאַך מיט דער האַנט, אַז ער זאָל שווייגן, און זי האָט צוגעגעבן:

— „און ווען האָט איר גוטס געטאָן? דאָך ניט דער קריסטלעכער קירך! איר רופט דאָך אים „פאַרשאָלטענער ייִד״, און איר האָט דאָך געוואָלט אים אַראָפּוואַרפן פון פויפּסלעכן טראָן!״

די קיניגין האָט אַ קלונג געטאָן אין אַ גלעקל. אירע היטערס זיינען אַריינגעקומען. זי האָט זיי געזאָגט אַז זי דאַרף באַלד אַוועקפאָרן.

טאָמאַס האָט נאָך דעם ניט געקענט שלאָפן ביינאַכט. ער איז געוואָרן זייער אומרואיק. ער האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן און צו קומען צו בערנאַר פון קלערוואָ און אים דערציילן דעם סוד.

עס איז געווען אַ ווינטערנאַכט, ווען ער האָט זיך אַרויסגע־גנבעט פון קלויסטער. אַן אונטערגעקויפטער שומר האָט געוואַרט אויף אים מיט אַ שיפל בײַם ברעג. דער ים איז געווען שטורעמ־דיק.

צוויי טעג שפּעטער האָבן די כוואַליעס צוגעשלאָגן צום ברעג דעם קערפּער פון אַ דערטרונקענעם מאָנאַך. מען האָט עס דערציילט די מאָנאַכן אין קלויסטער. ווען זיי זײַנען געקומען צו באַגראָבן דעם קערפּער, האָבן זיי דערקענט אַז דאָס איז דער פאַרשיקטער בישאָף טאָמאַס.

וועגן דער פּאַסירונג האָט מען געשיקט אַ בריוו דער קי־ניגין.

כד. דער בלינדער בעטלער.

נאָך דעם ווי ראַדזשער האָט פאַרטריבן דעם קייסער לאָ־טאַר און דעם פאַלשן פּויפּס, איז די שטאָט רוים און אַ גרויסער טייל איטאַליע געווען אין די הענט פון פּויפּס אַנאַקלעט דעם צווייטן. אָבער ער איז געווען אין גאַנצן אָפּגעריסן פון דײַטשלאַנד און פון די אַנדערע קריסטלעכע לענ־דער הינטער די אַלפּן. דאָרטן האָט מען ניט געהאַלטן פון אים. איז דער פּויפּס געווען פאַרוואונדערט, ווען מען האָט אים אָנגעזאָגט:

— „אַן אַלטער, בלינדער מאָנאַך פון בראַמבערג, אין דײַטשלאַנד, בעט דעם פּויפּס, ער זאָל אים צולאָזן. דער בלינ־דער איז געגאַנגען דעם גאַנצן וועג צו פוס. ער איז אַ מאָנאַך אַ בעטלער און זאָגט, אַז ער קומט ווי אַ זינדיקער. נאָר דעם פּויפּס אַליין וועל ער דערציילן אין וואָס זײַן זינד באַשטייט".

דער פּויפּס האָט געהייסן, מען זאָל אים צולאָזן. דער אַל־טער מאָנאַך האָט בײַם אַרײַנגיין זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און צוגעקראָכן צום פּויפּסלעכן טראָן. מיט הענט פון אַ בלינדן

האָט ער געטאַפּט, ביז ער האָט געכאַפּט דעם זוים פון פּויפּסלעכן מאַנטל און צוגעטראָגן צו די ליפּן.

— „וואָס ווילסטו דערציילן, מײַן זון?“ — האָט דער יונגער פּויפּס געפרעגט דעם גרײַז־גראָען בלינדן.

— „הייליקער פאָטער“, — האָט דער אַלטער אָנגעהויבן, — „איך קום אויסקויפן אַ גרויסע זינד. איך האָב מיטגעהאָלפן אַ מאָל, ווען מען האָט אַרויסגעגנבעט אַ קינד פון יִידישע עלטערן. איך האָב דאָס קינד דערצויגן און דערבײַ געזאָרגט אַז דאָס קינד זאָל פאַרגעסן זײַנע עלטערן. איך האָב עס אַ סך מאָל אָפּגענאַרט. איך האָב עס נאָך דעם געלאָזן צווישן פרעמדע. איך זע איַין אַז אַלץ וואָס איך האָב געטאָן איז געווען פאַלש. איך האָב עס גערדאַרפט ברענגען צוריק צו זײַן פאָטער אין מײַנץ. איך האָב אָבער געמיינט אַז איך וועל העלפן דער קירך, ווען זי וועט קריגן אַזאַ פעאיקן דינער, ווײַל דאָס קינד איז געווען אויסערגעוויינטלעך קלוג. איך האָב אָבער דער קירך קיין גוטס ניט געטאָן מיט דעם. עס זײַנען אַרויס פון דעם מלחמות און אומגליקן. צי קען דאָס אַלץ מיר פאַרגעבן ווערן?“

דער פּויפּס איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אַזוי אויפגערעגט. ער האָט פריִער אין דער שטים און נאָך דעם אין פּנים דערקענט דעם פאָטער פעליקס. ער האָט געוואָלט אַראָפּ פון טראָן, אויפהייבן דעם בלינדן, צופאַלן צו אים. ער האָט זיך אָבער אײַנגעהאַלטן.

— „און דו ווייסט צו וועמען דו רעדסט עס?“ — האָט ער שטילערהייט געפרעגט.

— „איך ווייס“, — האָט דער בלינדער געענטפערט, — „אָבער דער וואָס איז אויסגעקליבן פאַר אַ פּויפּס, איז מײַן פּויפּס! און איך קום צום פּויפּס אים דערציילן מײַן זינד און בעטן זי זאָל מיר פאַרגעבן ווערן. דרײַ יאָר בין איך געגאַנגען און געבעטן גאָט, אַז איך זאָל ניט שטאַרבן אין וועג. ווײַל איך בין בלינד געווען, האָט גאָט מיך געשטראָפט מיט בלינדקייט פון

אויגן. און ווײַל איך האָב חרטה געהאַט, האָט ער מיך דערפּירט אַהער".

— „און ווען האָסטו דערזען, אַז דו האָסט ניט ריכטיק געטאָן?" — האָט שטילערהייט געפּרעגט דער פּויפּס.

— „ווען נאָכן אויסקלײַבן דעם פּויפּס, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אין קירך. ווען איך האָב געהערט, ווי מע רופט מײַן פּויפּס — „דער פאַרשאָלטענער ייִד". איך ווייס איצט אַז אַ ייִד בלײַבט שטענדיק אַ ייִד. איך ווייס אויך איצט אַז אַ ייִד דאַרף שטענדיק בלײַבן אַ ייִד".

כה. דער רב פון מײַנץ.

„איז דײַן זינד נאָר קעגן דער קירך?" — האָט דער פּויפּס ווידער געפּרעגט.

— „ניין, אויך קעגן דעם ייִדישן קינד. ווען איך בין אַוועק פון רוים און געקומען צוריק קיין דײַטשלאַנד, האָב איך זיך דערוואוסט אין מײַנץ, אַז דער רב האָט זיך געראַטעוועט, ווען די קרייצפאָרערס זײַנען באַפאַלן די ייִדן. איך האָב געדאַרפט אַרײַנגיין צום רב און אים דערציילן וועגן זײַן זון. איך האָב עס אָבער ניט געטאָן."

— „און דער רב פון מײַנץ לעבט?" — האָט אויסגעשריען דער פּויפּס.

— „איך ווייס ניט, הייליקער פאָטער," — האָט דער בלינדער בעטלער געזאָגט, — „איך בין דאָרטן געווען מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק... קען מײַן זינד פאַרגעבן ווערן, הייליקער פאָטער?"

— „דײַן זינד איז פאַרגעבן, גוטער פעליקס!"

„זאָל דער הייליקער פאָטער מיך בענטשן!" — האָט דער אַלטער אויסגערופן און אויסגעשטרעקט די הענט צו זײַן אַמאָליקן תּלמיד.

דער פּויפּס האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויפן קאָפּ פון דעם

אַלטן בלינדן און אים געבענטשט. ער האָט געהייסן, מע זאָל דעם אַלטן געבן אַן אָרט וואו צו זײַן און אים לאָזן אין פּויפּס־לעכן הויף.

ווי נאָר דער אַלטער איז אַרויס, האָט דער פּויפּס אַרײַנגערופן דעם קאַרדינאַל פּעטרוס פון פּאָרטוס און אים געזאָגט:

— „איך דאַרף זען דעם רב פון מײַנץ! זאָל מען אים הייסן קומען אַהער!"

— „דער אַרציבישאָף פון מײַנץ פּאָלגט אויך ניט אוים אונדזערע באַפעלן, טאָ ווי קענען מיר באַפעלן דעם רב פון מײַנץ צו קומען אַהער?"

— „וואָרט! מע דאַרף אויסגעפינען, ווי עס הייסט דער איצטיקער רב פון מײַנץ".

— „דאָס קען מען אויסגעפינען," — האָט פּעטרוס פון פּאָרטוס געענטפערט. אין אַ געוויסער צײַט אַרום איז ער געקומען און דערציילט:

— „דער איצטיקער רב פון מײַנץ הייסט שמעון, דער זון פון יצחק. ער שטאַמט פון דער משפּחה פון יענעם קלונימוס וואָס האָט געראַטעוועט דעם קיניג אָטאָ דעם צווייטן. אין אַ שלאַכט האָט מען דערהרגעט דאָס פערד פון אונטער דעם קיניג. האָט קלונימוס אָפּגעגעבן דעם קיניג זײַן פערד און אים געראַטעוועט. דערפאַר האָט דער קיניג אים שפּעטער געבראַכט קיין מײַנץ. דער רב פון מײַנץ איז בײַ ייִדן זייער אָנגעזען, זיי רופן אים: „שמעון דער גרויסער".

דער פּויפּס האָט אַרומגענומען זײַן קאַרדינאַל און אים אַ קוש געטאָן.

ווען דער קאַרדינאַל איז נאָך דעם געקומען צו זיך, האָט ער געפרעגט:

— „צי שטאַמען דען די פּיערלעאָנים אויך פון אָט דעם קלונימוס?"

— „וואָס גייען מיך אָן די פּיערלעאָנים!" — האָט דער

פויפּס אויסגערופן, — „מיך גייט אָבער יאָ אָן דער רב פון מײַנץ!"

„איך האָב קיין מאָל ניט פאַרשטאַנען די ייִדן", — האָט צו זיך אַליין געזאָגט דער קאַרדינאַל.

כז. די גזירה אויף ייִדן אין מײַנץ.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דער פויפּס ווידער גערעדט מיטן קאַרדינאַל וועגן דעם רב פון מײַנץ, און דער פויפּס האָט פּלוצעם פאָרגעלייגט אַ מאָדנעם פּלאַן:

— „איך ווייס אַז אויב איך זאָל אַרויסגעבן אַ באַפעל וואָס זאָל זײַן גוט פאַר ייִדן, וועל איך דעם באַפעל ניט קענען דורכפירן אין דײַטשלאַנד. מען וועט זאָגן: דער ייִדישער פויפּס נעמט זיך אָן פאַר זײַנע ברידער. אָבער אויב איך זאָל אַרויסגעבן אַ בייזן געזעץ, אַ גזירה אויף ייִדן — ווי וואָלט דעמאָלט געווען?"

— „דאָס וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט אויסצופּרוּוון," — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט בײַם קאַרדינאַל.

דער פויפּס איז אָבער ניט בייז געוואָרן. ער האָט גאָר צוגעגעבן:

— „איך האָב וועגן דעם געטראַכט. איך האָב באַשלאָסן, אַז איך וועל עס אויספּרוּוון. איך וועל עס אויספּרוּוון אויף די ייִדן פון מײַנץ. לאָמיר זאָגן, אַז איך גיב אַרויס אַזאַ באַפעל דעם אַרציבישאָף פון מײַנץ: „די ייִדן פון מײַנץ ווערט פאַרווערט צו היטן שבת!" — וואָלט דער אַרציבישאָף דורכגעפירט מײַן באַפעל?"

פעטרוס פון פאַרטום האָט ניט געגלייבט זײַנע אויערן. דער פויפּס איז געווען רואיק און צופרידן און האָט געהייסן:

— „זאָל נאָך הײַנט אַוועק אַזאַ באַפעל צום אַרציבישאָף פון מײַנץ: „די ייִדן פון מײַנץ ווערט פאַרווערט צו היטן שבת!"

ווען דער אַרציבישאָף האָט דעם באַפעל געקריגן, האָט ער גלייך גערופן צו זיך די פירערס פון די מיינצער ייִדן און זיי איבערגעגעבן:

— „שבת טאָרט איר ניט גיין אין שול דאַווענען; שבת טאָרט איר ניט אָנטאָן קיין יום-טובדיקע קליידער; שבת טאָרט איר ניט שליסן אייערע קראָמען; שבת מוזט איר אַרבעטן ווי אין-דער-וואָכן. אויב מע וועט כאַפּן אַ ייִדן וואָס היט אָפּ שבת — וועט מען אים גלייך אַרויסטרייבן פון מיינץ!"

ביי ייִדן איז געוואָרן אַ טרויער. מען האָט אויסגערופן אַ פאַסטטאָג. אַלע ייִדן זיינען זיך צונויפגעקומען אין שול און דער אַלטער רב רבי שמעון האָט גערעדט:

— „זייט שטאַרק און זייט מוטיק. שבת איז אונדז טייערער ווי אונדזער היים, ווי אונדזער פאַרמעגן. מיר וועלן פּרוּוון אָפּשרייען די גזירה. אויב אָבער מע וועט אונדז צווינגען, וועלן מיר ווידער נעמען דעם וואַנדערשטעקן אין דער האַנט. מיר וועלן זיך פון הייליקן שבת ניט אָפּזאָגן!"

פירערס פון די מיינצער ייִדן זיינען געקומען צום אַרציבישאָף און אים פאַרגעלייגט אַ סך געלט, ער זאָל בטל מאַכן די בייזע גזירה.

— „איך קען עס ניט טאָן", — האָט דער אַרציבישאָף געענטפערט, — „די גזירה קומט פון דעם פויפּס. נאָר דער פויפּס קען זי בטל מאַכן."

— „וועלן מיר פאָרן צום פויפּס און אים בעטן," — האָט דער רב געזאָגט, — „און דערוויַיל זאָל דער אַרציבישאָף אָפּלייגן די גזירה".

דער אַרציבישאָף האָט צוגעשטימט. דער אַלטער רב און נאָך צוויי פירערס פון דער קהילה אין מיינץ זיינען געפאָרן קיין רוים.

כז. עס קען ניט זײַן!

ווען רבי שמעון מיט די איבעריקע צוויי ייִדן פון מײַנץ איז געקומען קיין רוים, איז ער אוועק צום רב פון דער קהילה אין רוים. דער רב האָט געוואוסט ווער עס איז רבי שמעון. ער האָט זיך זייער געפרייט מיט אַזאַ טײַערן גאַסט. ער איז אָבער געוואָרן גוואַלדיק פאַרוואונדערט, ווען ער האָט דערהערט די געשיכטע מיט דער גזירה.

— „זײַט איר זיכער, אַז די גזירה שטאַמט פון אונדזער פויפּס?" — האָט דער רב געפרעגט, — „ער איז אַן אייניקל פון אַ משומד, אָבער ער טוט ייִדן גוטס, ער איז אונדזער באַשי־צער. מיר בעטן גאָט פאַר אים".

— „מיר האָבן אַליין געזען דעם באַפעל מיטן פויפּסלעכן שטעמפּל אויף אים", — האָבן געענטפערט די מײַנצער ייִדן, — „און איר דאַרפט אונדז העלפן. אפשר דאַרף מען געבן דעם פויפּס אַ גרויסע מתנה?"

— „דער פויפּס דאַרף ניט אונדזער געלט", — האָט דער רב פון רוים געזאָגט, — „דאָ איז עפּעס אַ טעות; אוודאי וועלן מיר אײַך העלפן. איך אַליין וועל גיין מיט אײַך צום פויפּס. איך וועל אויך מיטנעמען אַ ייִדן וואָס קומט אויך פון דײַטשלאַנד, ר' משולם הייסט ער. ער שטאַמט פון רעגנסבורג און איז זייער גוט באַקאַנט מיטן פויפּס. איין מאָל האָט אים דער פויפּס גע־ראַטעוועט, אַ צווייט מאָל האָט ער געראַטעוועט דעם פויפּס."

און דער רב האָט געשיקט נאָך משולמען און אים אַלץ דער־ציילט. משולם ווידער האָט גלײַך איבערגעגעבן זײַן טאָכטער די גאַנצע געשיכטע.

— „עס קען ניט זײַן!" — האָט רבקה אויסגערופן, —

„ער האָט אזאַ גזירה ניט אַרויסגעגעבן. דאָס האָט מען געפעלשט דעם פויפסלעכן שטעמפּל!"

— „שרייַ ניט אַזוי", — האָט דער פאַטער געענטפערט, — „אָט זייַנען דאָך געקומען יידן אַזש פון מייַנץ אָפּצושרייַען די גזירה."

— „וועל איך גיין צום פויפס און איך וועל זען, אַז ער זאָל בטל מאַכן די גזירה!" — האָט רבקה אויסגערופן.

— „וואָס איז ער דייַנער, דער פויפס?" — האָט ר' משולם צום ערשטן מאָל אין לעבן אָנגעשריִען אויף דער טאָכ־טער, — „רייד ניט וועגן אים און קלער ניט וועגן אים!"

— „עס קען ניט זייַן, עס קען ניט זייַן!" — האָט רבקה אַ פאַרעקשנטע איבערגעחזרט.

כח. די דעלעגאַציע צום פויפס

Dי דרייַ יידן פון מייַנץ און די צוויי יידן פון רוים האָבן דעם טאָג געפאַסט. זיי זייַנען געווען ערנסט און פאַרזאָרגט און מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז דער פויפס זאָל זיי אויפנעמען. אָבער זיי האָבן געדאַרפט לאַנג וואַרטן. נאָך דעם האָט מען זיי געזאָגט:

— „דער פויפס וועט אויפנעמען נאָר די יידן פון מייַנץ."

דער רב פון רוים און רבי משולם האָבן געמוזט אַוועקגיין. די פרעמדע יידן זייַנען געוואָרן אומרואיקער. שפּעטער האָט מען אָנגעזאָגט:

— „דער פויפס וועט אויפנעמען נאָר דעם רב פון מייַנץ."

רבי שמעון איז געבליבן אַליין. פריִער האָט דער פויפס אויפגענומען אַלע אַנדערע מענטשן וואָס זייַנען געקומען צו אים. ערשט נאָך דעם איז געקומען די ריי פון דעם אַלטן רב. ווען ער איז אַרייַן צום פויפס, האָט ער געזען אַז דער פויפס איז אַליין.

מיט אַ געבוויגענעם קאָפּ האָט רבי שמעון זיך דערנענטערט צום טראָן, וואו עס איז געזעסן אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק, אָנגעטאָן אין אַ ברייטן רויטן מאַנטל. ווען דער פויפּס האָט דערזען דעם רב וואָס דערנענטערט זיך צו אים, איז ער אַראָפּ פון טראָן, אים געגאַנגען אַנטקעגן, געבעטן אים זיך זעצן און אַליין זיך אוועקגעזעצט לעבן אים.

דער רב פון מײַנץ איז געווען זייער פאַרוואונדערט. ער האָט געוואָלט אָנהייבן דערציילן וועגן דער גזירה און וועגן זייער בקשה, אָבער דער פויפּס האָט אים איבערגעריסן:

— „שפּעטער, שפּעטער... צי לעבט נאָך... וואָס מאַכט אײַער פרוי?"

— „ווען איך בין אוועק פון מײַנץ, האָב איך זי געלאָזט אַ געזונטע און נאָר אַ פאַרזאָרגטע איבער דער גזירה..."

— „צי האָט איר קינדער? וויפל קינדער האָט איר?" — האָט דער פויפּס ווידער איבערגעריסן.

— „איך האָב ניט קיין קינדער. גאָט האָט מיך געשטראָפט און געלאָזן אַליין אויף דער עלטער."

— „האָט איר גאָר קיין מאָל קיין קינדער ניט געהאַט?"

— „איך האָב געהאַט אַ יינגל, אַ טײַער קינד..."

— „איז דאָס קינד געשטאָרבן?"

— „נאָך ערגער, מען האָט עס צוגעגנבעט פון אונדז", — אַ טרער האָט זיך באַוויזן אין די אַלטע אויגן, — „מער קיין קינדער האָבן מיר ניט געהאַט; פון דעם צוגעגנבעטן קינד האָבן מיר קיין מאָל ניט געהערט; ווי אין וואַסער אַרײַן."

— „באַרואיקט זיך", — האָט דער פויפּס געזאָגט צום רב, — „לאָמיר פאַרגעסן די אַלטע צרות. די נײַע, זיי וועלן אויך פאַרבײַ. איך האָב געהערט אַז איר זײַט אַ באַרימטער שאַכשפּילער. לאָמיר גאָר שפּילן אַ פּאַרטיע שאָך. אַ פּאַרטיע שאָך באַרואיקט. מע קלערט וועגן שפּיל און מע פאַרגעסט די זאָרג".

כט. די פּאַרטיע שאַך

„אַבער איך בין דאָך געקומען וועגן דער גזירה אויף דער הייליקער קהילה אין מײַנץ", — האָט דער רב געזאָגט און איז געבליבן זיצן אַ פאַרוואונדערטער.

— „אָט דאָ אין ווינקל איז גרייט אַ טיש מיט די שאַך־פּי־גורן", — האָט דער פּויפּס אָנגעוויזן, — „לאָמיר אַריבער אַהין."

ווי איינער גייט אין שלאָף, אַזוי האָט זיך דער אַלטער רב אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום שאַכטישל.

— „נו, איך האָב אײַך געבעטן שפּילן", — האָט דער פּויפּס געזאָגט, — „דאַרפט איר שפּילן ווײַס. הייבט אָן".

דער רב האָט געקלערט וועגן דעם מאָדנעם אויפנעם און וועגן דער אומגעריכטער פּאַרטיע שאַך. ניט טראַכטנדיק, האָט ער געמאַכט דעם ערשטן גאַנג: גערוקט אויף צוויי קעסטלעך דעם פּויער פון זײַן מלך. דאָס איז אין יענע צײַטן געווען זייער אַ מאָדנער אָנהייב. מע פלעגט אָנהייבן געוויינטלעך די שפּיל מיט אַ גאַנג פון דעם פּויער בײַם טורעם. דער רב האָט געמיינט אַז דער פּויפּס וועט זיך וואונדערן איבער אַזאַ אָנהייב. אָבער דער פּויפּס האָט גלײַך געגעבן אַ שטעל אויף צוויי קעסטלעך פאַרויס דעם פּויער פון זײַן מלך. דער רב האָט יעמאָלט געזוקט אויף צוויי קעסטלעך פאַרויס דעם פּויער פון ווײַסן לויפער וואָס איז לעבן מלך. דער פּויפּס האָט ניט קלערנדיק גערוקט פאַרויס אויף צוויי קעסטלעך דעם פּויער פון זײַן מלכה...

דער רב האָט זיך אָנגעלענט אויפן שטול און מיט דער האַנט געגעבן אַ פּיר איבערן פּנים. דאָס איז דאָך דער אָנהייב וואָס ער אַליין האָט אויסגעקלערט! דאָס האָט ער דאָך שטענדיק אָנגעהויבן אַזוי, ווען ער האָט געשפּילט שוואַרץ און דער ווײַסער

קעגנער איז שוין אין דעם צווייטן גאנג געווען גרייט אפצוגעבן א פויער. ווי קומט אזא מין שפילן צו איינעם וואס האט קיין מאל מיט אים ניט געשפילט?...

און פלוצעם דערמאנט ער זיך: עס זיצט זיין קינד אין בעט; זיין יינגל איז קראנק, ער הוסט, ער טאר ניט ארויס אין דרויסן. עס איז פרייטיק. די שטוב שמעקט מיט שבת. ער זיצט לעבן בעטל פון זיין יינגל און לערנט אים אזא אנהייב. דער רב עפנט די אויגן, קוקט, קוקט אויפן פויפס. דער פויפס קוקט אויף אים.

ל. פאטער! פאטער!

„פאטער! פאטער! דערקענסט מיך ניט?" — שרייט אים דער פויפס און ווארפט זיך צום רב.

פאטער און זון האבן זיך דערקענט, האבן זיך ארומגענומען, זיינען אנטשוויגן געווארן אויף א לאנגער צייט.

דעם רבס ליפן האבן שטילערהייט אנגעהויבן צו זאגן א תפילה. זיין געפונענער זון האט געפרעגט:

— „קענען נאך פארגעבן ווערן מיינע זינד? איז נאך דא פאר מיר א וועג אויף צוריק?"

— „ווילסטו גיין מיטן וועג אויף אהיים? אפשר געפעלט דיר די גרויסקייט דיינע?"

— „אוודאי וויל איך אהיים, אניט וואלט איך דאך ניט געמאכט אז דו זאלסט קומען אהער. איך האב פיינט מיין גרויסקייט. איך וויל זיין א ייד, אזוי ווי איך בין, ווי איך בין אלע מאל געווען".

פאַטער און זון האָבן זיך צערעדט. דער זון האָט דערציילט וועגן זײַן ראַנגלען זיך צו קומען אַהיים, און וועגן זײַן פּײַן ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז מען האָט אויסגעהרגעט די ייִדן פֿון מײַנץ, און וועגן אַלע זײַנע בענקענישן צו קומען צוריק צו ייִדן. דער פאַטער האָט דערציילט, ווי אַזוי ער איז אויף אַ וואונדער־לעכן אופן געראַטעוועט געוואָרן אין דער לעצטער מינוט און וועגן די אַלע יאָרן פֿון בענקען נאָך אים. ער האָט אויך גערעדט מיט אים וועגן זײַנע זינד.

אלחנן איז טרויעריק געוואָרן. מיט אַ געבראָכענער שטים האָט ער געפֿרעגט:

— „וועט איר מיך ווידער אויפֿנעמען ווי אַ ייִד צווישן ייִדן? צי איז ניט גלײַכער זיך אַראָפּצוואַרפֿן פֿון טורעם פֿון מײַן פּאַלאַץ? און זאָל עס נעמען אַ סוף!"

— „וואָס רעדסטו, מײַן קינד!" — האָט רבי שמעון אויסגערופֿן — „דו וועסט קומען צו מיר און איך און דײַן מוטער וועלן נאָך דערלעבן נחת פֿון דיר און פֿון דײַנע קינדער".

זיי האָבן אָפּגערעדט אַז דער פאַטער און די איבעריקע שלוחים פֿון מײַנץ פֿאָרן מאָרגן פֿרי אַרויס אַהיים. עס איז שוין צוגעגרייט אַ בריוו פֿון פּויפּס צום אַרציבישאָף פֿון מײַנץ אַז די גזירה ווערט בטל. דערווײַל גייט דער אַלטער פאַטער אַוועק צום רב פֿון רוים מיט אָט דעם בריוו און דערציילט קיינעם ניט וועגן דעם געפֿונענעם זון. דער זון וועט אַרויס פֿון רוים ווי נאָר ער וועט קענען און ער וועט זיך טרעפֿן מיטן פאַטער אין וויטערבאָ. דאָרטן זאָל דער פאַטער וואַרטן אויף אים.

עס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען דער פּויפּס האָט אַרויסבאַגלייט דעם אַלטן רב פֿון לאַטעראַן און געגעבן אים אַ וואַך, וואָס זאָל אים אָפּפֿירן צום רב פֿון רוים. ער אַליין האָט זיך געזעצט שרײַבן.

ער האָט געשריבן אַ פּאָר שעה. דאָס איז געווען אַן „אָנזאָג פֿון פּויפּס אַנאַקלעט דעם צווייטן פֿאַר אַלע קומענדיקע פּויפּסן

— צו לייענען נאָכן אַרויפגיין אויפן טראָן פון הייליקן פּעטרוס". דאָרטן רעדט זיך וועגן דער אייביקייט פון יידישן פאָלק און וועגן לאָזן יידן לעבן ווי זיי ווילן. ער פאַרענדיקט מיט דעם: „איך גיי אַליין אַוועק, ווײַל איך בין געבאָרן אַ ייד און איך בלײַב אַ ייד".

לא. זיך אַרונטערגעוואָרפן פון דאַך.

אנאָקלעט דער צווייטער איז אַרויף אויפן דאַך. עס האָט שוין גענומען גרויען דער פרימאָרגן. דער ווינט האָט אים אָפּגעפרישט נאָך די אַלע איבערלעבונגען פון דעם טאָג און דעם שרײַבן בײַנאַכט. ער איז שטיל געשטאַנען הינטער אַ קוימען.

פלוצעם דערהערט ער שטימען: „אָט דאָ — איך וויים וואו עס איז זײַן שלאָפצימער — אַ העלפט ארבעט איז שוין אָפּגעטאָן — קום אהער — דאָ קען מען זיך אַראָפּלאָזן!"

ער האָט דערזען בלאַנקע מעסערס אין די הענט פון צוויי מענטשן וואָס האָבן זיך געגנבעט בײַם ראַנד פון דאַך. ער האָט געגעבן אַ טראַכט:

אויב עס וואָלט געווען אַ נאַכט ווי אַלע נעכט, וואָלטן זיי מיך דערשטאָכן אין מײַן שלאָפצימער! ווער וויים, ווי זיי זײַנען אַרויף אַהער!

די מענטשן, געדונגענע מערדערס, האָבן גענומען די מעסערס אין די ציין, און זיי האָבן אָנגעהויבן זיך אַראָפּצולאָזן מיט דער וואַסער-רינע. דער פויפס איז שטיל צו צום אָרט, פון וואַנעט זיי האָבן זיך גענומען אַראָפּלאָזן. ער האָט אומגעריכט געגעבן מיט אַלע כּוחות אַ שטויס איינעם פון די צוויי. יענער האָט פאַרלאָרן זײַן גלײַכגעוויכט און אַ פאַל געטאָן צו דער ערד. דער צווייטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און גענומען לויפן. דער פויפס האָט קיינעם ניט גערופן. ער איז אַרײַן צו זיך, זיך איבערגעטאָן

אין קליידער פון אַ דינער און געוואַרט, ווען עס וועט זיך אָנהייבן דאָס גערודער פון דעם טאָג. ווי נאָר די נאַכטוואַך איז אַוועק פון טויער, איז ער אומבאַמערקטערהייט אַרויס, און אײנעם מיט אַנדערע דינערס וואָס זײַנען געגאַנגען טאָן זייער אַרבעט.

מען האָט געפונען אַ דערהרגעטן בײַ אַ וואַנט פון לאַטע־ראַן. אָבער מען האָט ניט געפונען דעם פויפס, ווען מען האָט עס אים געוואָלט אָנזאָגן. פּעטרוס פון פּאָרטוס האָט איבערגע־לייענט דעם אָנזאָג פון פויפס, וואָס איז געבליבן אויף זײַן טיש. און דער קלוגער קאַרדינאַל האָט געשיקט מענטשן צום פויפס אי־נאָקענט: זאָל ער קומען קיין רוים, דער יִדישער פויפס האָט אַליין זיך אַראָפּגעוואָרפן פון דאַך פון פּאַלאַץ.

דעם געדונגענעם מערדער האָט מען באַגראָבן ווי דעם פויפס. מען האָט אין די ביכער פון דער געשיכטע פון פויפסן פאַרשריבן:

דער פויפס אַנאַקלעט דער צווייטער האָט זיך אַרונטערגע־וואָרפן פון דאַך.

לב. ווייסט איר, ווער ער איז?

א דינער האָט אָנגעקלאַפּט אין דעם הויז וואו עס האָט גע־לעבט ר׳ משולם און רבקה.

— „איך בין געשיקט פון פויפס,״ — האָט ער גע־זאָגט.

אָבער ווען ער איז אַרײַן, האָבן פאָטער און טאָכטער אים דערקענט. זיי האָבן ניט באַוויזן אַרויסצואַווײַזן זייער פאַרוואונ־דערונג. ווי אלחנן האָט אַ זאָג געטאָן:

— „קומט, לאָמיר אַלע פאָרן אַהיים, קיין מײַנץ. אין ווי־טערבאָ וואַרט אויף אונדז מײַן פאָטער ר׳ שמעון.״

ר׳ משולם איז געבליבן שטיין ווי אַ געפּלעפּטער. ער האָט ניט פאַרשטאַנען די מאָדנע רייד. אָבער רבקה האָט זיך ניט פאַרלאָרן, זי האָט פאַרשטאַנען וואָס אלחנן זאָגט דאָ. זי האָט אים אַרומגענומען און געזאָגט:

— „קום, חתן מײַנער! איך האָב אַזוי פיל יאָרן אויף דיר געוואַרט!"

אין וויטערבאָ איז געווען די חופּה. ר׳ משולם האָט נאָך דעם געוואָלט פּראַווען אין מײַנץ אַ גרויסע שמחה. אָבער ר׳ שמעון און זײַן זון אלחנן האָבן ניט דערלאָזט: עס איז צו גרויס די געפאַר — מע טאָר ניט וויסן ווער דער חתן איז. רואיק און שטיל האָבן אלחנן און רבקה געלעבט בײַ רבי שמעונען אין שטוב. דער אַלטער טאַטע האָט געלערנט מיטן זון תורה...

מיט יאָרן שפּעטער איז אין מײַנץ געווען אַ צוזאַמענפאָר פון דרײַ יידישע קהילות: פון שפּײַער, וואָרמס און מײַנץ. אין נאָמען פון די יידן פון מײַנץ האָט גערעדט רבי אלחנן, דער זון פון רבי שמעון. און ער האָט פאָרגעלייגט: זאָלן די דרײַ קהילות האָבן די זעלביקע פירונגען, די זעלביקע תקנות. מען האָט עס אָנגענומען.

שטילערהייט האָבן די פאָרשטייערס געזאָגט איינער דעם צווייטן אויפן אויער:

— „איר ווייסט ווער רבי אלחנן איז געווען? דאָס איז דער יידישער פויפּס!"

פון דעם זעלביקן מחבר

אלע מאמעס זענען שיין

דוד הראובני און שלמה מולכו

רבינו גרשום, רשי, יהודה חסיד

דער רמבם

דער יידישער פויפס